קול המוסדות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען איבער דעם וואוקס פון די מוסדות הק'

| סיון תשע"א לפ"ק |

בס"ד

העפטיגע בוי-ארבעט אנגעהויבן גענצליך צו פארענדיגן בנין התלמוד תורה אויף ווייט עווענױ

דרויסנדיגער סטרוקטור ווערט שוין הערליך רענאווירט - רויע דייט אויף ערשטע שטאק ווערט אי"ה פארוואנדלט ווערן אין כיתות, קלענערע צימערן

דרינגענדע "השלם" קאמפיין אונטערגענומען מיט בקשה אויסצוצאלן פריערדיגע התחייבות וואס פריער

ווארימסטע שטיצע פון תושבי קרית יואל צום צענטראלע מוסדות אקציע אום יו"ט שבועות

זיבן נייע קלאס - צימערן ווערט צוגעבויעט פאר די עלטערע קלאסן אין בית רחל

את הנפש אשר עשו

הרב הגאון רבי מנשה ראזענבערגער זכרונו לברכה

חינוך געדאנקען:

מען דארף געדענקען די שמעקעדיגע רויזן

פרנס חודש אייר

במוסדותינו הקדושים

הרבני הנגיד המפואר בונה ומקים שולחנות של תורה

מו"ה יצחק זאב הכהן פילאפף הי"ו

[illegible]

לרגל נישואי בנו שיחי' למזל טוב ובשטומ"צ

פרנס חודש סיון

במוסדותינו הקדושים

הרבני הנגיד המפואר בונה ומקים שולחנות של תורה

הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו

מנהל מוסדותינו הק' בקרית יואל

לרגל נישואי נכדתו שיחי' למזל טוב ובשטומ"צ

ווארימסטע שטיצע ערווארטעט פון תושבי קרית יואל ביי צענטראלע מוסדות אקציע אום יו"ט שבועות הבעל"ט

גאָר רייכע גורלות פראָקלאָמירט פאר מתנדבים בעם - ספעציעלער גורל אויף צוויי וואָכן אומזיסט אין "מנוחה האָטעל" פאר משתתפים מיטן סכום פון 240$ אויפן פלאַץ - עקסטערער "באונעס גורל" מיט גאָר רייכע געווינסן פאר די וואָס שליסן זיך אַצינד אן אינעם "מארגעדיש קאַמפיין

אידן אומעטום גרייטן זיך מיט התרגשות צום יום טוב שבועות הבעל"ט און אידן אין קרית יואל מאכן די נייטיגע הכנה דורכן זיך אנשליסן מיט גרעסערע סכומים להחזקת מוסדותינו הק', אין בעפארגרייטונג צו די יערליכע צענטראלע אקציע וועלכע איז כמדי שנה בשנה באשטימט אין קרית יואל אויפן קומענדיגן יום טוב שבועות הבעל"ט.

שוין יארן לאנג וואס עס איז דער "מנהג" אין קרית יואל, אז דער יום טוב שבועות איז מוקדש לטובת אונזערע הייליגע מוסדות דאהי אין וויליאמסבורג. במשך די פילע יארן וואס תושבי קרית יואל האבן געהאט די זכי' אז מרן רבינו ה"ק בעל ברך משה זי"ע האט דארט געוויילט אויף יום טוב, איז כמעט יאר-יערליך דורכגעפירט געווארן אינמיטן די ימי החג די אקציע לטובת מוסדותינו הק', און אין די נאכפאלגענדע טעג האבן תושבי קרית יואל זיך באשטייערט מיט גרעסערע סכומים, געמענדיג אנטייל אין די החזקה פון אזעפיל אלפי תשב"ר בלי"ע"ה.

אין די לעצטע יארן איז די אקציע צוריק אויפגעפרישט געווארן, און נאך ביתר שאת ועז, נאכדעם וואס תושבי קרית יואל האבן ארויסגעצייגט א זעלטענע אינטערעסע צו נעמען א חלק אינעם היינט-שטארק איינגעבאקענעם "מארגעדיש קאמפיין" אויסצוצאלן דעם גרעסערן טייל פון די מארגעדיש הוצאות וואס עס קאסט אפ די חודשליכע פעימענטס פאר דעם בנין הגדול פון די תלמוד תורה אויף ווייט עוז.

דער מארגעדיש קאמפיין איז אונטערגענומען אין קרית יואל, אין ליכט פון די אויסטערלישע הוצאות מיט וואס מוסדותינו הק' זענען באלעסטיגט, טראגענדיג אן עול פון פארשידענע גרויסע הוצאות וואס קיין שום מוסד טראגט געווענליך נישט. ווייגעריג מוסדות וועלכע מ'האט בלויז עטליכע יאר צוריק אנגעהויבן פונעם פונדאמענט, און אפילו נאך פון אונטער דעם... טראגן די חברי הנהלת המוסדות א שווערן לאסט פון נאר א גרויסן מארגעדיש, און אין צוגאב צום מארגעדיש וואס עס קאסט געווענליך אפ אנצופירן אזעלכע פארצווייגטע מוסדות ווי אונזערע, קומען צו די אומגעווענליכע הוצאות וואס מ'דארף נאך היינט צאלן מער ווי אנדערע מוסדות התורה.

צווישן די הוצאות שטייגט ספעציעל ארויס די מארגעדיש קאסטן, וואס בלויז פאר דעם בנין התלמוד תורה אליינס, צאלט מען אוועק יעדן חודש די פאנטאסטישע סומע פון אריבער $70,000 א סכום וויפיל עס איז דער גאנצער חודש'ליכער בודזשעט פון פארשידענע קלענערע מוסדות התורה.

טראגענדיג אזא שווערן לאסט האט די הנהלת המוסדות זיך געווענדט צו ארום לדעה אין קרית יואל, און פילע תושבים האבן זיך שוין אנגעשלאסן אין דעם קאמפיין, אויסצוצאלן די מארגעדיש קאסטן פון איין חודש איבערן יאר.

אין בעפארגרייטונג צו די היי-יעריגע צענטראלע אקציע לטובת המוסדות, איז דער מארגעדיש קאמפיין פילפאכיג פארברייטערט געווארן, מיט א מעגליכקייט אפצוקויפן קלענערע און גרעסערע זכותים, געוואנדן לויטן יארגאנג פון די טייערע קינדער וואס ווערן נתחנך אין די הייליגע מוסדות. די חשובע עסקנים זענען בכובד ראש געזעסן און אויסגעארבעט די פונקטליכע פרייזן פאר יעדע יארגאנג באזונדער, און אזוי ארום ווערן די זכותים פארקויפט, כתה כתב כפי הדרגתו ומצבו.

תושבי קרית יואל וועלכע זענען באקאנט מיט זייער פילבאר הארץ לכל דבר שבקדושה, צייגן ארויס א ספעציעל געפיל פאר די הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג, און די עסקנים וואס גייען ארום אויפארבעטן די נתינות פונעם ציבור, זענען איבערראשט מיטצוהאלטן דעם ווארימער אפרוף וואס דער קאמפיין האט ב"ה געהאט ביים ברייטן ציבור תושבי קרית יואל.

די הנהלה קוקט שטארק ארויס אויף די הצלחה פון די אקציע, און האפן אז דער ציבור תושבי קרית יואל וועלן זיך אנשטרענגען צו שענקן גרעסערע סכומים להחזקת מוסדותינו הק' דורכאויס די וואך נאך שבועות און אין די נאכפאלגענדע וואכן.

דבר המוסדות

ותלמדם חוקי חיים

ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד!

אט טרעט מען אריין אינעם הייליגן יו"ט שבועות, דער געהויבענער לעכטיגער יו"ט, א ווארעמקייט צוגיסט זיך אין אלע ביינער.

די הייליגע קאפיטל פון אהבה רבה וועט אינעם הייליגן יום טוב שבועות געזאגט ווערן דורך אידישע קינדער אין די בתי מדרשים מיט א פייערדיגן ברען, באגלייט מיט דמעות שליש, זייענדיג איינגעהילט אינעם טלית, ווען יעדעס איינציגווארט פון דעם הייליגע תפלה ווערט געזאגט מיט די פולע כוונה און ערענסטקייט, ווער וויל דען נישט הערן דעם 'שאל מה דבעית', און מ'זאל קענען אויסבעטן אין דעם הייליגן טאג אז די ארובות השמים זאלן זיך עפענען און מ'זאל זוכה זיין צו פארשטיין די הייליגע תורה, ונהי' אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמיך ולומדי תורתיך לשמה.

עס איז כדאי זיך מתבונן זיין אין א געדאנק, וואס די נקודה דערפון זאגט שוין דער הייליגער ייטב לב זי"ע מסביר צו זיין וואס טייטשט "ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך", אז עס איז דא א פאלשע נאכגעמאכטע סיפוק פון עניני עולם הזה, וואס ס'קען זיך אמאל דוכטן אז דאס הייסט הנאה, דאס הייסט א תענוג, אבער דער אמת איז אז דאס איז גארנישט, עס איז הוילע בלאף, הויל לופט אן קיין שום אמת'ע תוכן. "בעבור אבותינו שבטחו בך ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך", דער דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע הייליגע אבות איז אז נאר מיטן "לעשות רצונך" האט מען א חיים, מיט דעם וואס מ'דינט דעם אייבערשטן און מ'טטוט דעם רצון ה', דאס גיט סיפוק פאר א איד, און דאס זעטיגט די נשמה פון א איד.

דער הייליגער ישמח משה זי"ע זאגט דעם זעלבן געדאנק אויפן פסוק "וחי בהם", א איד דארף שפירן זיין חיות דווקא אין "אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם", ווייל דער אמת איז אז נאר דאס קען געבן חיות פאר א איד, און נאר דאס קען זעטיגן און באפרידיגן דעם נפש און די נשמה, וואס איז א חלק אלקי ממעל, און זעטיגט זיך נישט נאר מיט מזון רוחני, און די אלע תענוגע עולם הזה, דאס איז 'דזשאנק פוד' וואס אויף די מינוט זעהט אויס ווי מ'איז זאט אבער באמת איז דאס גארנישט מיט נישט, נישט עס זעטיגט, נאר עס מאכט נאך קאליע.

אט דער רעיון קומט אויפן געדאנק געבנדיג א בליק אויף די מוסדות הקדושים שנוסדה בהררי קודש רבותינו הקדושים זי"ע ונמשך לנו ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, א נעץ פון מוסדות מיט געקליבענע מחנכים ומחנכות וועלכע באזיצן די ריכטיגע כוחות מדריך צו זיין אונזערע זון און טעכטער צו "חוקי חיים" מיטן אריינפלאנצן אין זיי משחר טל ילדותם יראת שמים, מדות טובות, לימוד התורה, השקפה טהורה, בויען א גאר שטארקן יסוד צו קענען בייקומען די שווערע נסיונות פון אונזער תקופה וואס דאס אלעס זענען די קערענדלעך וואס מיר מוזן אריינלייגן אין די יונגע נשמה'לעך שטעלנדיג זייערע ערשטע טריט אין לעבן, געבנדיג די ריכטיגע בליק אין לעבן מיט האבן א סיפוק בקיום התורה והמצות.

אשרינו מה טוב חלקינו, יעדעס מאל וואס מיר קוקן זיך אום אויף פרי עמלינו, און אבזערווירנדיג די פירות פון אונזער פלאג ווערט דאס הארץ אנגעפולט מיט שמחה ועונג, ווי אויך הערן מיר דאס כסדר פון די הונדערטער עלטערן שיחי' וואס זענען ב"ה העכסט צופרידן ווי אזוי די קינדער ווערן נתחנך מיט געטריישאפט און ליבשאפט צו אהבת תורה ויראת שמים, אויפן הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג פון אונזערע הייליגע רבי'ס.

שבועות ביי אהבה רבה וועלן מיר בעטן "כן תחנינו ותלמדינו" דער אייבערשטער זאל העלפן אז די השפעה מן השמים זאל אונז באגלייטן אויף ווייטער ברוב אמיץ ואונים, און פון די השפעת החג זאלן מיר נהנה זיין א גאנץ יאר.

א גוט יום טוב

הנהלת המוסדות

העפטיגע בוי-ארבעט אנגעהויבן גענצליך צו פארענדיגן בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוו.

דרויסענדער סטרוקטור ווערט שוין הערליך רענאווירט -
רויע זייט אויף ערשטע שטאק וועט אי"ה פארוואנדעלט ווערן אין כתות, קלענערע צימערן

דרינגענדע "השלם" קאמפיין אונטערגענומען
מיט בקשה אויסצוצאלן פריערדיגע התחייבות וואס פריער

אריבערגייענדיג די טעג אויף ווייט עוו. צווישן יוז און פען סט. זעט זיך אן די העפטיגע אנגייענדע רענאוואציע ארבעט וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך הנהלת מוסדותינו הק' גענצליך צו פארענדיגן דעם בנין התלמוד תורה וועלכע וועט ביז עטליכע חדשים ארום שוין שטיין כליל בתפארתו והדרו.

דער הויפט-ציל פון די איצטיגע בוי-ארבעט איז בעזהשי"ת גענצליך צו פארענדיגן די אונטערשטע שטאק פונעם בנין, וועלכע איז פון איין זייט נאך רוי, נאכדעם וואס אויף די אנדערע זייט האט מען לעצטענס פארענדיגט די פראכטפולע מנוחה ושמחה זאלן, וואס ווערט איבערן טאג באנוצט פאר עסזאלן פון די תשב"ר און ביינאכט אלס שמחה זאלן פאר די תושבי עירינו.

אצינד גרייט מען זיך אנצוהייבן די בוי-ארבעט אויף די רעכטע זייט פון דעם בנין וואו עס וועט איינגעשטעלט ווערן נייע חדרים, עטליכע קלענערע צימערן פאר "חינוך מיוחד" נאך פארשידענע וויכטיגע איינריכטונגען פארן תועלת פון די טייערע תשב"ר שיחיו.

גלייכצייטיג גייט אן די העפטיגע ארבעט הערליך צו רענאווירן דעם דרויסענדן סטרוקטור פון דעם בנין וואו די ארבעט זיך שוין אנגעהויבן, און וועט זיך ענדיגן ביז עטליכע וואכן. (מער דעטאלן איבער די איצטיגע בוי-פראיעקטן ערשיינען אינעם רייכער אינטערוויו.)

די פרישע בוי-ארבעט איז אונטערגענומען געווארן צוליב דעם נויטווענדיגקייט דערפון, נאכדעם וואס דער אויסטערלישער מאנגל אין פלאץ וואס הערשט אינעם בנין התלמוד תורה, און גרייטענדיג זיך צום קומענדיגן זמן הלימודים, איז פשוט נישט קיין פלאץ וואו צו פלאצירן די פרישע כתות וואס דארפן געעפנט ווערן, כדי צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן בליה און וואוקס פון די הייליגע מוסדות בליעה"ר.

דער גאנצער פראיעקט ציט אצינד אריין אין פרישע סכומים פון אריבער א מיליאן דאלאר, וואס פארשווערט שטארק אויף די געטרייע חברי הנהלה, וואס זענען עמוסי עבודה מיטן אנפירן דעם טאג-טעגליכן בודזשעט וואס שלעפט אליינס אריין אין פאנטאסטישע סכומים, פארט אבער האט די הנהלה אונטערגענומען אויף זיך דעם פרישן עול פון די גרויסע פראיעקטן, כדי זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אז די טייערע תשב"ר האבן די ברייטע מעגליכקייט נתחנך צו ווערן מיטן פולסטן מנוחת הנפש והרחבת הדעת דקדושה.

אין די ליכט פון די קאסטבארע אונטערנעמונגען האט די הנהלת המוסדות פראקלאמירט דעם נאר דרינגענדען "השלם אקציע" מיט א שטארקע בקשה צום ציבור אז מען זאל אצינד אויסצאלן דעם התחייבות וואס מ'האט זיך אונטערגענומען אין די פריערדיגע חדשים, אדער וואס מען איז נאך שולדיג פון די פריערדיגע יארן, כדי צו שאפן אצינד די גרויסע סכומים אין וואס די הנהלת המוסדות נויטיגן זיך.

דער "השלם אקציע" הייבט זיך אן אין די טעג, און די געטרייע עסקנים פונעם אפיס פון די מוסדות ארבעטן שוין פיבערהאפטיג אויפצופאדערן דעם ציבור בדברים נרגשים איבער דעם צו השעה און איבער די אויסנאם וואריעמע שטיצע וואס פארלאנגט זיך אין די איצטיגע טעג, כדי זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אז די וויכטיגע ארבעט קען פארגעזעצט ווערן אומגעשטערט במשך די גאנצע צייט.

עס איז צום האפן אז דער ברייטער ציבור אנ"ש ביי וועמען די הייליגע מוסדות זענען אזוי טייער און הייליג, און וועלכע געניסן אזוי שטארק פון דעם אור כי טוב וואס די מוסדות הק' געבן ארויס פון זיך, וועלן קענקומען די הנהלת המוסדות, און אצינד איבערגעבן די סכומים געלט וואס מ'פלאנט סיי ווי צו געבן אינעם עתיד, ווייענדיג אצינד א צייט ווען די הנהלה איז אזוי שטארק אנגעוויזן דערין.

השלם זה הבנין...

נייע קלאס-צימערן ווערט צוגעבויט פאר די עלטערע קלאסן אין בית רחל - בנין ווארסאף

פרטים פאר יונגערע קלאסן ווערט אויסגעארבעט

דער פלאץ-מאנגל אין בנין התלמוד תורה ווערט היבש ארויפגעברענגט אויף די שפאלטעס פון די הייניטיגע אויסגאבע, אבער אויך אין "בית רחל" איז דער מצב נישט צופיל בעסער... דער כסדר'דיגער צופלוס פון פרישע תלמידות כ"י ברענגט דערצו אז עס הערשט א שטארקער מאנגל אין פלאץ, און מאמענטאל איז פשוט נישט דא קיין פלאץ וואו צו פלאצירן די פרישע קלאסן וואס דארפן געעפנט ווערן אין דער נאנטער צוקונפט.

ביי די קלאסן פון די עלטערע יארגענג איז דער מאנגל אין פלאץ שוין כמעט אומדערטרעגליך, און אין די נאנטע טעג וועט מען אי"ה צוטרעטן צו די בוי-ארבעט אויפצושטעלן נאך זיבן קלאסן פאר די בית רחל, וואו מ'וועט אי"ה פלאצירן די נייע קלאסן אויפן קומענדיגע יאר, אלול תשע"א הבעל"ט.

די קלאסן וועלן אויפגעשטעלט ווערן אויפן גרויסן שטח אונטער איצטיגן בנין בית רחל אויף די סטענפארד גאס, און טראץ וואס די קלאסן זענען דערווייל נאר אויף צייטווייליג, נאכדעם וואס אויף דעם שטח וועט אי"ה געבויט ווערן דער גרויסער בנין פון בית רחל, מוז מען שוין איצט אויפבויען די פרישע קלאסן, כדי צו לינדערן דעם מאנגל אין פלאץ וואס הערשט דערווייל.

גלייכצייטיג וועט מען אויך אויפבויען א נייעם פראכטפולן עסזאל פאר די תלמידות פון די קלאסן, און נאך פארשידענע וויכטיגע איינריכטונגען וואס עס פעלסט זיך אויס פארן תועלת פון די תלמידות תחיו.

דער אונטערנעמונג קאסט אפ ריזיגע סכומים, און די חברי הנהלת המוסדות לייגן אריין איבערמידליכע כחות אויסצוארבעטן די בוי-פלענער פון דעם פראיעקט, און בעיקר צו שאפן די נויטיגע סכומים אין וואס די ארבעט ציט אריין.

ווידעראום ביי די יונגערע קלאסן איז דער מאנגל אין פלאץ אויך שטארק דערקענבאר אויף טריט און שריט, און אויפן טיש פון די הנהלה ליגט אצינד גראנדיעזע פלענער ווי אזוי צו לינדערן בעזהשי"ת דעם שטארקן מאנגל. די לעצטע דעטאלן פון די פלענער ווערן אצינד אויסגעארבעט, און נאכן בקרוב וועט מען שוין בעזהשי"ת קענען מעלדן די פונקטליכע איינצעלהייטן.

פרטים יבואו אי"ה.

העפטיגע הכנות צוצוגרייטן א רייכן פראגראם צום "זומער חדר" פאר די נורסערי - קינדערגארטן תלמידים מיט פארלענגערטע שעות אנגעפילט מיט הנאה ברוחניות ובגשמיות

אין די טעג גייען אן די העפטיגע הכנות אנצוגרייטן די זומער חדר פאר די איינגערע תלמידי המוסדות וואס פארבלייבן אין די זומער וואכן דאהי אין שטאט, ווי עס ערווארטעט זיי א גאר געשמאקע זומער אנגעפילט מיט הנאה ברוחניות ובגשמיות בעז"ה.

לויט ווי דער געטרייער מנהל הר"ר ישעי' יצחק רובין שליט"א געט איבער די בשורה טרינה, איז היי יאר פנים חדשות באו לכאן, ווען עס וועט פארלענגערט ווערן די שעות פון חדר אין לויף פון די זומער וואכן פאר די נורסערי - קינדערגארטן תלמידים ביז פיר אזייגער נאכמיטאג.

דאס איז צוליב דעם וואס אין די זומער וואכן ווען מען נעמט די קינדער שווימען, ווערט דאן אוועקגעפאלן אסאך צייט פונעם סדר היום, וויבאלד מען דארף ארויסהעלפן די איינגע תלמידים זיך צוצוגרייטן צום שווימען און האלטן א עינא פקיחא אויף אלע תלמידים ביז מען זעט זיך אינדרויסן. וואס אצינד מיט די נייע פארלענגערטע שעות וועט מען קענען דורכפירן הערליכע פראגראמען מיט ישוב הדעת פון וואס אלע תלמידים וועלן זיך אנקוועלן.

די קינדער וועלן בלייבן מיט די זעלבע געטרייע מלמדים פון א גאנץ יאר דורכאויס דעם גאנצן סדר היום, כדי נישט צו פארמישן די קינדער מיטן טוישן קלאסן אינמיטן טאג, און די קינדער וועלן זיין אונטער זייער אויפזיכט ביזן אהיימגיין.

אויך ווערט אין די טעג צוגעריכט גרויסע נייע סווימינג פולס אויפן נייעם דאך בבנין הת"ת וואס גייט יעצט דורך גרינטליכע רענאוואציעס, וואס ביי דעם נייעם פלאץ אונטערן פרייען הימל וועט גאר אסאך צוגעבן צו די הנאה פון די קינדערלעך שיחיו.

פארזעצונג אויף זייט 6

רעגיסטראציע פון נייע קינדער אין די מוסדות גייט אן ביז ד' שלח הבעל"ט

אין די טעג האט זיך שוין אנגעהויבן די רעגיסטראציע פאר פרישע קינדער וואס וייערע עלטערן ווילן זיי איינשרייבן אלס תלמידים ותלמידות אויפן קומענדיגן יאר בין כותלי מוסדותינו הק'.

דאס איינשרייבן פרישע תלמידים ותלמידות איז א לענגערער פראצעדור, און איז שטארק נויטיג אז עס זאל דורכגעפירט ווערן וואס פריער, כדי די ממונים אין אפיס פון די מוסדות זאלן האבן די מעגליכקייט מסדר צו זיין אלע פרטים על צד היותר טוב.

באזונדער איז שטארק נויטיג צו האבן א גענויעם חשבון פון וויפיל פרישע קינדער עס וועלן קומענדיגן יאר צוקומען אין די מוסדות, כדי צו וויסן ווי אזוי מסדר צו זיין די נייע קלאסן און וויפיל פרישע פלאץ מ'נויטיגט זיך אויפן קומענדיגן זמן הלימודים.

כדי צו קענען אלעם אהערשטעלן מיט א געניטן סדר איז באשטימט געווארן דער ענד-טערמין פאר די רעגיסטראציע אויף קומענדיגן א' פרשת שלח, זונטאג נאך שבועות הבעל"ט, וואס נאכדעם וועט מען שוין נישט אננעמען קיין פרישע תלמידים ותלמידות אויף קומענדיגן יאר. סיי ווער איטער עס שרייבט איין א קינד אין די מוסדות, אפילו די וואס זייערע עלטערע קינדער לערנען שוין אין די מוסדות, דארף רעגיסטרירן ביז קומענדיגן א' פרשת שלח הבעל"ט.

די הנהלה און סטעף קוקן שטארק ארויס אז די חשובע עלטערן וואס ווילן איינשרייבן די קינדער זאלן דאס טון וואס פריער, כדי מען זאל זיך קענען אפגעבן מיט יעדע אפליקאציע מיטן נויטיגן ישוב הדעת.

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר

Central
United Talmudical
Academy

ר"ח אייר תשע"א לפ"ק

מודעה נחוצה

מיר ווילן מודיע זיין פאר די אלע וואס ווילן אנהייבן צו שיקן זייער קינד
אין תלמוד תורה - בית רחל אדער דאי קעמפ במשך די קומענדיגע
זומער חדשים תמוז-אב
ווי אויך צום נייעם לערן יאר (נאכן זומער סעזאן)
אין חודש אלול

- סיי די עלטערן וואס האבן שוין קינדער במוסדותינו און ווילן צולייגן נאך א קליין אדער א גרעסער קינד
- און סיי פרישע משפחות וואס האבן נאכנישט דא קיין קינדער

אז מען דארף זיך איינשרייבן נישט שפעטער ווי
מיטוואך פ' שלח הבעל"ט
(למספרם June 15th)
כדי אלעס זאל מסודר ווערן ברוחניות ובגשמיות.
ווי אויך אז מיר זאלן קענען מסדר זיין די קלאסן צו יעדנס צופרידנהייט

ווער ס'וועט נישט זיין איינגשריבן בזמן אויבנדערמאנטן זמן וועט נישט קענען אנהייבן חדר/שולע ביים אנהויב לערן-יאר

מיט פארערעכונג
הנהלה רוחנית

העסטיגע הכנות צוצוגרייטן א רייכן פראגראם פארן "זומער חדר" מיט פארלענגערטע שעות אנגעפילט מיט הנאה ברוחניות ובגשמיות

פארזעצונג פון זייט 6

עס איז צום ערווארטן אז די חשובע עלטערן וועלן שטארק הנאה האבן פון דעם נייעם סדר ווען די קינדער וועלן בלייבן לענגער אין חדר, צוליב דעם וואס עס איז שווער צו האלטן די קליינע קינדער אינדערהיים אזויפיל שעות אין די לאנגע הייסע זומער טעג.

אזוי ווי עס איז אוממעגליך פאר די הנהלת המוסדות דורכצופירן צוויי שיפטן פון טראנספארטאציע אהיימצוטראגן די קינדער, איז באשטימט געווארן, נאכן אויספרעגן מערערע עלטערן, אז אלע נורסערי - קינדערגארטן קינדער וועלן אהיימקומען אין די זעלבע צייט אום פיר אזייגער נאכמיטאג, נאך אן אנגעפולטן טאג אין חדר מיט לימודים און ידיעות באגלייט שמחה און הנאה ברוחניות ובגשמיות.

די הנהלה טוט זיך שטארק רעכענען מיטן שווערן מצב הפרנסה ביים היימישן ציבור, דערפאר האט מען רעדוצירט די פרייז פון די זומער חדר אויף א גאר מינימאלן סכום וואס איז דבר השוה לכל נפש.

מען בעט זייער די חשובע עלטערן אז מען זאל זיך מזרז זיין און תיכף נאך יום טוב זאל מען איינשרייבן די קינדער אינעם זומער חדר, כדי צו פארגרינגערן דעם עול פון די הנהלה צו קענען צוזאמשטעלן די קלאסן על צד היותר טוב.

א געזונטן זומער

אינטערוויו

קאנסטראקשן-מענעדזשער פונעם בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוו.
גיט איבער אינטערעסאנטע פרטים איבער אָנגייענדע בוי-אַרבעט אינעם בנין

עורך: א גוט יאר, וואָס הערט זיך? עפעס הערט מען קלאפערייען דאָרט אינעם תלמוד תורה בילדונג, וואָס גייט שוין ווייטער פאר? וואָס בויט מען שוין ווייטער?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: ב"ה מ'בלייבט נישט שטיין, מ'דאַרף כסדר צובויען נאָך. ס'קומען צו נייע קינדער און פרישע קלאַסן, און מ'דאַרף זיי צושטעלן חדרים. נו, נעמט מען א האַמער און מ'בויט...

עורך: וואו בויט מען? ס'איז נאָך דאָ פלאַץ?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: פלאַץ פרעגסטו? אויף איצט איינמאָל איז נאָך דאָ פונקט גענוג פלאַץ צו בויען. וואָס עס וועט זיין ווייטער, דאָס וויים איך שוין נישט...

עורך: דהיינו?

קאנסטראקשן - מענעדזשער:: לאמיך אָנהייבן פון אָנהייב. מיט באַלד דריי יאָר צוריק האט מען בחסדי ה' באַנייט דעם בילדונג.

עורך: אַז איר הייבט אן אפשר הייבט איר שוין אן פון נאָך פריער, ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון דעם בנין?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: יאָ געדעכט, לאָמיר אָנהייבן פון גאַנץ אָנהייב. א קורצע צייט נאָכדעם וואָס די מוסדות זענען פריש-נתייסד געוואָרן האָט מען אגעהויבן צו פאַרהאַנדלען איבער דעם בנין, און י' תמוז תשס"ו איז באַשטעטיגט געוואָרן אַז די הנהלת המוסדות נעמט אי"ה איבער דעם בנין.

פאַרשטייט זיך אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע פאַרהאַנדלונגען, און ענדליך מיט צען חדשים שפעטער, חודש אייר תשס"ז, האָט מען געענדיגט דעם מקח אויף דעם בנין, וואָס איז צושטאַנד געקומען אַדאַנק די וועלט-באַרימטע היסטאָרישע נדבה פון דעם באַרימטן פילאַנטראָפ הנגיד המפואר ר' ישעי' וואָלף לעוו הי"ו ראה"ק דקהלתינו הק' אין לאָנדאָן.

נאָכן קלאזן דעם מקח האָט מען אָנגעהויבן אויסצופלאנירן ווי אַזוי אַהערצושטעלן דעם בנין, און עטליכע חדשים שפּעטער, ערב סוכות תשס"ח איז געקומען די פריידיגע בשורה, אַז די פּערמיטן זענען באַשטעטיגט געוואָרן דורך די אינסטאַנצן, און מ'קען אָנהייבן בויען.

אין די פאָלגענדע צוויי חדשים, חדשי חשון און כסלו פון שנת תשס"ח האָט א פּראָפעסיאָנאַלע פירמע אָפּגעוואַשן דעם בנין פונדרויסן, און דאַן האָט מען אָנגעהויבן איבערבויען די אויבערשטע שטאָקן. קודם די צווייטע שטאָק,ביידע זייטן. דערנאָך די דריטע שטאָק ביידע זייטן, אַזוי ווייטער די פערטע שטאָק ביידע זייטן, און דערנאָך די פינפ'טע און זעקסטע שטאָק וואָס ביידע האָבן נאָר איין זייט.

די בוי-אַרבעט איז אָנגעגאַנגען במשך די ווינטער און זומער חדשים, און דורכאויס די צייט האָט מען כסדר איבערגעגעבן פאַר'ן ציבור די אָפּדעיטס וואו מען האַלט מיט'ן בויען. אַסאַך געדענקן נאָך זיכער די "וועכנטליכע בולעטין אָפּדעיטס" אויף וואָס ס'איז געמאָלדן געוואָרן די פונקטליכע פאַרשריט וואָס מ'האָט אויפגעטון אין די פאַרלאָפענע וואָך אינעם נייעם בנין.

עורך: און פון וואו האָט מען געהאַט געלט צו בויען?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: קודם איז דאָך פשוט. דער עולם... גלייך ביים התייסדות המוסדות און אַזוי אויך שפּעטער האָבן אַסאַך אויסגעצאָלט זייער "אדני קודש" התחייבות וואָס רבינו שליט"א האָט אויף יעדן ארויפגעלייגן. דערנאָך איז דאָהי אין ניו יאָרק אָנגעגאַנגען דער גרויסער "פּענסטער קאַמפּיין" ביי וועלכע דער גאַנצער עולם האָט זיך גאָר וואַרעם אָנגערופן.

עורך: אַנטשולדיגט פאַר'ן איבערהאַקן, אָבער מ'האָט עפּעס דעמאָלט געהאַט צוזאָגט אַז ווער עס צאָלט אויס אדני קודש וועט מען פאַראייביגן זיין נאָמען. מ'האָט דאָס שוין אַמאָל אויסגעפירט?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: זיכער. דאָ אינעם אויף די לינקע זייט פונעם בילדונג ביי די אַריינגאַנג אויף ווייט עוו. צו ראטלידש סט. הענגט שוין דער גרויסער טאָוועל אויף וועלכע עס שטייען אויסגערעכענט די נעמען פון אַלע וואָס האָבן אויסגעצאָלט דעם התחייבות פאַר "אדני קודש". עס ווערט טעגליך געזען דורך די פילע אידן וואָס קומען זיך משתתף זיין אויף שמחות אין די מנוחה ושמחה זאלן...

אָבער רעדענדיג דערמאַן איך מיך אַז כ'האָב איין פּרט אויסגעלאָזט. עטליכע חדשים נאָכן קלאזן, דאָס הייסט, חודש סיון תשס"ז האָט די הנהלת המוסדות אָפּגעראַכטן א רייכע מסיבת שבע ברכות נאָך די חתונה פון אן אייניקל פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, די חתונה פון הר"ר חיים צבי שליט"א דער זון פון הגה"צ אבד"ק שליט"א. ביי די שבע ברכות האָבן פילע נגידים און קרואי מועד אָפּגעקויפט פאַרשידענע גרעסערע זכותים אין דעם בנין, ווי כתות, בתי מדרשים און נאָך.

אָבער דעם עיקר שטופּ צו קענען בויען דעם בנין איז געווען דער באַזוך וואָס רבינו שליט"א האָט אָפּגעשטאַט אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען חודש אדר א' תשס"ח, וואָס דער באַזוך ליגט נאָך אין די ביינער פון תושבי לאָנדאָן, און דערביי איז געשאַפן געוואָרן פאַנטאַסטישע סכומים לטובת די בוי-אַרבעט פונעם בנין התלמוד תורה.

עורך: איז וואָס איז געווען ווייטער, ווען איז דער בנין פאַרטיג געוואָרן?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: ווען מ'האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן פעסט אַרבעטן אויף דעם בנין, חודש תמוז תשס"ח, איידער דער ציבור האָט פאַרלאָזט די שטאָט צו פאָרן אין קאַנטרי, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער מעמד "פּתיחת המבצר" ווען דער ציבור האָט געהאַט די געלעגנהייט צו קומען באַזוכן דעם בילדונג, מיטצוהאַלטן פונדערנאָנט די שטאַרקע פאַרשריט וואָס מ'האָט שוין געמאַכט אין דעם בנין.

אין די נאָכפאָלגענדע זומער חדשים האָט מען איבערמידליך געאַרבעט פאַרצוזעצן די בוי-אַרבעט. און ב' דראש חודש אלול תשס"ח איז געווען דער היסטאָרישער טאָג ווען די אלפי תשב"ר האָבן מאַרשירט פונעם ראָוז-קעסיל זאל ביז צום בנין התלמוד תורה, וועלכע איז יענעם טאָג באַנייט געוואָרן בשטומ"צ.

גלייך ווי דער בנין איז באַנייט געוואָרן, האָט מען שוין גלייך אָנגעפילט אַלע כתות וואָס זענען שוין דעמאָלט געווען גרייט, און עס איז געווען א מחזה הוד ווי פון יענעם טאָג און ווייטער האָט דער בילדונג אָנגעהויבן צו ווירבלען מיט טויזענטער קינדערלעך בליעה"ר.

עורך: דאָס איז געווען דער גאַנצער חנוכת הבית?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: מיט עטליכע וואָכן שפּעטער, ביום י' אלול איז אין דעם בנין אָפּגעראַכטן געוואָרן א פּראַכטפולע מסיבת "חנוכת הבית" וועלכע האָט אויך געדינט אַלס מסיבת שבע ברכות לכבודו פון הויפּט-נדבן פונעם בנין הנגיד ר' ישעי' וואָלף לעוו הי"ו פון לאָנדאָן, וועלכער האָט דאַן געהאַט חתונה געמאַכט אן אייניקל. גלייכצייטיג האָט די מסיבה אויך געדינט אַלס שבע ברכות לכבודו פון הרבני הנגיד ר' חיים יודא לעפקאָוויטש הי"ו וועלכער האָט מנדב געווען א פאַנטאַסטישע סומע פאַר דעם בנין, און זיין מחותן איז געווען דער

היינטיגער געטרייער אַדמיניסטראַטאָר פון אונזערע מוסדות הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו.

עורך: און מיט דעם האָט זיך דאָס געענדיגט?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: ניין. אין די שפּעטערדיגע חדשים און יאָרן האָט מען שוין אַריינגעלייגט נאָך אַריבער א מיליאָן דאָלאַר! ביים צובויען פאַרשידענע איינריכטונגען.

נאָך דעמאָלט ווען מען האָט אָריגינעל געבויט דעם בנין, האָט מען אַזוי אויסגערעכענט אַז עס זאל זיין לייכט שפּעטער צוצובויען נאָך. אויף יעדע שטאָק האָט מען געהאַט געלאָזט א עסזאל אויף דערווייל ביז דער גרויסער עסזאל איז פאַרענדיגט געוואָרן.

אָבער מ'האָט שוין דעמאָלט געזען פונעם בליה און וואוקס פון די תלמוד תורה, אַז דאָס איז נאָר אויף צייטווייליג. עס וועט נישט לאַנג נעמען און מ'וועט דאַרפן דאָס פלאַץ פון די עסזאלן פאר כתות. מ'האָט דאָס טאַקע אַזוי געבויט, אַז מ'זאָל לייכטערהייט עס קענען פאַרוואַנדלען אין חדרים, וכך הוה. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מ'האָט שוין טאַקע געדאַרפט דאָס פלאַץ פאר כתות. האָט מען גלייך אָפּגעטיילט די בתי מדרשים מיט ווענט אינדערצווישן, און אַזוי האָט מען פאַרמאָגט נאָך עטליכע כתות.

עורך: און וואו האָט מען פלאַצירט די עסזאלן?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: מ'האָט אויפגעבויט דעם גרויסן עסזאל אויף די אונטערשטע שטאָק, בחודש תמוז תשס"ט, ווען דער בנין איז געווען ליידיג, די קינדער זענען געווען אין קעמפּ, האָט מען אָנגעהויבן די רענאָוואַציע אַרבעט אויף די אונטערשטע שטאָק וועלכע איז ביז דאַן געשטאַנען ליידיג. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען עטליכע חדשים, און חשון תש"ע צום נייעם יאָר, האָט מען שוין דאָרט באַנייט דעם עסזאל, מאַכענדיג פלאַץ צו קענען איבערבויען די ביז-איצטיגע עסזאלן פאר כתות.

עורך: און דאָס האָט מען געמאַכט פאר די שמחה זאלן?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: יאָ, ווי נאָר די עסזאלן זענען שוין געווען אין באַנוץ, האָט מען דאָס אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין די היינט-באַרימטע "מנוחה ושמחה זאלן". חודש שבט תש"ע האָט מען אָנגעהויבן אַריינצולייגן כוחות אין די זאלן. מ'האָט אַראָפּגענומען די ווילן פון אינמיטן, און אַזוי אויסגעצירט די זאלן, אַז עס זאל זיין צוגעפּאַסט צו קענען דאָרט פראַווען שמחות. די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן אויף א יאָר צייט, און היי-יאָר שבט תשע"א האָט מען בשטומ"צ באַנייט די נייע שמחה זאלן.

עורך: זענען מיר שוין היבש פארפארן. וואָס טוט מען איצט? וואָס האָט מען איצט אָנגעהויבן בויען?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: אָה. ביי די יונגערע כתות הערשט שוין לאַנג א שטאַרקער מאַנגעל אין פלאַץ. מ'דאַרף כסדר בויען נאָך און נאָך חדרים. טראָץ וואָס קוים פאַרגאַנגענעם יאָר איז אַריינגעקומען א שטיקל דערלייכטערונג מיט די צוגעקומענע כתות פון די ביז-איצטיגע עסזאלן אויף די אויבערשטע שטאָקן, אָבער ס'איז נאָך אַלץ נישט גענוג. מ'דאַרף נאָך כתות.

למעשה, די זאלן האָט מען אויפגעבויט אויף די ערשטע שטאָק פון דעם בנין, אָבער נאָר אויף האַלבע זייט. דער זייט פונעם בנין וואָס לויפט פון אינמיטן ווייט עוו. ביז פען סט. די אַנדערע האַלבע זייט פון דעם שטאָק איז ביז איצט נאָך געווען ליידיג. איצט גרייט מען זיך אָנצוהייבן די אַרבעט, אויפצובויען אויף די אַנדערע האַלבע זייט, וואָס דאָרט גייט מען אי"ה אויפבויען נאָך זעקס חדרים פאר די נורסערי און קינדערגאַרטן אָפּטיילונג, און נאָך פאַרשידענע וויכטיגע זאַכן, ווי עטליכע צימערן פאר חינוך מיוחד, בית הכסא'ס סינקס און נאָך.

עורך: הייסט אַז דאָס בויט מען איצט? די נייע חדרים?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: דאָס אויך. אָבער אינדערצווישן גרייט מען זיך אויך אויפצובויען די גרויסע קיך, ספּעציעל פאר די מנוחה ושמחה זאלן.

עורך: וואָס הייסט? איצט איז נישט דאָ קיין קיך?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: ניין, דערווייל קאָכט מען די מאכלים פאר די מנוחה ושמחה זאלן, אין די קיך פונעם בית רחל בילדונג אויף ספּענסער סט. און מ'ברענגט עס צום זאל פאַרטיגערהייט.

עורך: און וואו גייט מען בויען די נייע קיך?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: אויך אויף די אונטערשטע שטאָק, נעבן די זאלן, אָבער דאָס בויט מען אויף דעם ספּעציעלן שטח וואָס מ'קען נאָר נוצן אויף די אונטערשטע שטאָק. אויב ביזט שוין אַמאָל געווען אין דעם בנין האָסטו שוין זיכער געזען, אַז אינמיטן פונעם בנין איז דאָ א ליידיגער שטח, אַזאַ באַקס אינמיטן. פון יעדע שטאָק איז דאָ פענסטערס צו דעם ליידיגן שטח. אויסער אויף די אונטערשטע שטאָק, אויף דעם זעלבן שטח וואָס אויבן איז ליידיג, איז אויף די אונטערשטע שטאָק דאָ א דעכל, און אונטער דעם דעכל גייט מען אי"ה בויען די

מנוחה ושמחה קיך.

עורך: ווען גייט מען אָנהייבן?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: מ'האָט נאָכנישט געקענט אָנהייבן, ווייל דער עקזעקיוטירענדער דאַך איז זייער שוואַך. מ'דאַרף עס איבערבויען. אָבער פאר מ'בויט איבער דעם דאַך דאַרף מען קודם "פוינטן" דעם דרויסנדיגן סטרוקטור, די ציגעלענע ווענט פונדרויסן.

עורך: איר קענט אַביסל מער צולייגן, וואָס איז דאָס "פוינטן"? וואס טוט מען אינדרויסן?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: יאָ. פון ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו נוצן דעם בנין האָט מען נאָך דערווייל נישט איבערגעבויט די רויטע ציגל פונדרויסן, וואָס דאָס האָט מען שוין לאנג געדאַרפט טון. איצט האָט מען שוין אָנגעהויבן די אַרבעט, און דאָס גראָדע האָלט מען שוין אינמיטן טון. א ספעציעלע קאָמפּאַני איז אַראָפּגעקומען, זיי גייען איבער יעדן ציגל עקסטער. וואו עס איז דאָ א ציגל וואָס פעלט, צו אפילו נאָר א שטיקל ציגל, שטעלט מען אַריין א נייעם ציגל. אויסער דעם קראַצט מען אַרויס דעם גאַנצן צעמענט מיט וואָס די ציגל זענען באהאַפטן, און מ'פילט עס אָן מיט נייעם צעמענט, כדי צו באַפעסטיגן דעם בנין אַז עס זאל זיין גענוג שטאַרק און דויערהאַפטיג.

מ'האָט קודם אָנגעהויבן די אַרבעט פון אינעווייניג. אינעם גרויסן ליידיגן שטח אין צענטער פונעם בנין, און גלייך ווי מ'וועט ענדיגן דאָרט אינעווייניג, וועט מען אי"ה פאַרזעצן מיט די אַרבעט אויפן דרויסנדיגן סטרוקטור פונעם בנין.

ווי נאָר דאָס וועט זיין פאַרטיג, וועט מען אי"ה אַראָפּנעמען די סקעפּולס מיט וואָס דער בנין איז אַרומגענומען, וואָס צוליב דעם טאַקע, ווייל מ'האָט דאָס נאָכנישט געהאַט געמאַכט, האָט מען געמוזט לאָזן די סקעפּולס דאָרט ליגן.

עורך: אהא, הייסט אז פנים חדשות באו לכאן, מ'קען זיך ריכטן אז בקרוב וועט דער בנין באַקומען א גענצליך נייע צורה?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: יאָ אי"ה. לויטן פּלאַן וועט די אַרבעט זיך פאַרציען אויף עטליכע וואָכן, און וואַרשיינליך נאָך פאַר דער עולם וועט פאָרן אין קאַנטרי, וועט עס שוין זיין גענצליך פאַרענדיגט לשם ולתפארת.

אָבער צוריק צו וואו מיר האָבן געהאַלטן: ווי נאָר מ'וועט ענדיגן פוינטן דעם אינעווייניגסטן סטרוקטור, וועט מען אי"ה איבערבויען דעם דאַך אויף די אונטערשטע שטאָק, און דערנאָך וועט מען קענען בויען די קיך פאַר די מנוחה ושמחה זאַלן.

אגב, דעם דאַך בויט מען ספעציעל שטאַרק, א העכערע דאַך און אויף דעם וועט מען אי"ה בויען א שיינע פּראַכטפולע שפּיל-פּלאַץ פאַר די נוירסערי און קינדערגאַרטן קינדער. דער דאַך פון די אונטערשטע פלאָר, וועט – ווי פאַרשטענדליך – זיין אויפן זעלבן לעוועל ווי דער צווייטער שטאָק, אַזוי עס אַז וועט זיין נאָר באַקוועם און צונוצנליך פאר די נוירסערי און קינדערגאַרטן קלאַסן וואָס לערנען אויף דעם שטאָק.

אין די זומער וואָכן וועט מען דאָרט אויפשטעלן די ספעציעלע סווימינג פולס, וואו די קינדער וועלן קענען גיין שווימען אין די זומער-חדשים.

עורך: אויב איך מעג פרעגן, פאַרוואָס האָט מען זיך ערשט איצט גענומען צו די אַרבעט פון "פוינטן" דעם בילדונג. דאָס האָט מען נישט געקענט טון ביז איצט?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: ס'איז געווען א שטיקל פּראָבלעם. די בילדונג דעפּאַרטמענט האָט געהאַט פאַרלאַנגט אַז ביים צענטראַלן אַריינגאַנג צום בנין אויף ווייט עוו. זאל מען בויען א שיפּן רעמפּ, וואָס אַזוי פאַרלאַנגט זיך צוליב זייערע רעגולאַציעס. צוליב פאַרשידענע סיבות האָט זיך דאָס געשלעפּט ביז איצט, און ווילאַנג מ'האָט נישט געבויט דעם רעמפּ האָט דער בילדונג געהאַט א "סטאָפּ אָרדער" צוליב וועלכע מ'האָט גאַרנישט געקענט בויען ווייטער. יעדעס ביסל וואָס מ'האָט יאָ געבויט איז געווען א נס פאר זיך...

איצט האָט מען שוין ב"ה געבויט דעם רעמפּ אַזוי אַז מען האָט שוין געקענט אָנהייבן צו גיין ווייטער, אַז דער רעמפּ איז געבויט קען מען שוין פוינטן דעם בילדונג, און דערנאָך קען מען שוין בויען דעם דאַך, און מ'קען בויען די קיך א. א. וו.

עורך: און וואָס זענען די פּלענער אויף ווייטער?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: וויפיל עס הייסט איצט איז שוין דאָ קיין פרישע פּלענער אויף דעם בילדונג ועלבסט. איך רעדט נישט פון צובויען, אויף וויפיל דער בילדונג באַשטייט איצט, וועט עס שוין וואַרשיינליך בלייבן אַזוי. מ'בייט איצט ענדערן די נייע כתות און קלאַס-צימערן, און עס איז די לעצטע געלעגנהייט וואָס איז דאָ צו בויען חדרים און דברים שבקדושה אין דעם בנין.

עורך: און צום שלוס, וואָס טוט זיך ווענן געלט? פון וואו נעמט מען אַזעלכע סכומים?

קאנסטראקשן - מענעדזשער: פרעגסט מיך? איך בין נישט צופיל פאַרמישט אין געלט-ענינים, אָבער ווי איך הער קאָסט די בוי-אַרבעט אַ אַסאַך אַסאַך געלט. עס וועט לויטן חשבון אַריינציען אין עקסטערע "מיליאָן דאָלאַר" אין צוגאָב צום געוויינליכן בודזשעט. כפי השמועה גרייט זיך דער אַפּיס דורכצופירן א העפטיגע "השלם אקציע" מיט א שטאַרקע בקשה צום ציבור, אַז יעדער זאל האלטן פאר די אויגן די וויכטיגע אַרבעט, און זען אויסצוצאָלן וואָס מען האָט זיך אונטערגענומען, פון היי-יאָר אָדער פון די פריערדיגע יאָרן.

עורך: איך און איר האָפן זיכער אַז די אקציע וועט מצליח זיין. ווי איר לייגט דאָס אַראָפּ קוקט אויס אַז די אַרבעט איז נאָר וויכטיג.

קאנסטראקשן - מענעדזשער: עס איז וויכטיגער ווי מ'טראַכט. ס'איז דערווייל פשוט נישט דאָ קיין איבעריג פּלאַץ וואו צו פּלאַצירן די קינדער. וואָס איך קען יאָ זאָגן, דרייענדיג זיך אין דעם בילדונג א גאַנצן טאָג, איז אוממעגליך אָפּצושאַצן וואָס פארא זכות דאָס איז, ווען מען נעמט א חלק אין אַזאַ בנין. די טויזנטער שעות פון תורה, די טויזנטער תפלות, ברכת המזון, אמנ'ס, און וואָס נאָך אַלס עס קומט אַרויס פון דעם בנין איז פשוט נישט שייך צו שילדערן פאר איינעם וואָס האַלט דאָס נישט מיט פּערזענליך.

עס איז זיכער אַז די אַלע זכותים וועלן ביישטיין פאר די וואָס שטרענגן זיך אָן אַרויסצוהעלפן פאר דעם בנין, נעהאָלפן צו ווערן מיט וואָס מ'ען דאַרף נאָר.

עורך: אמן.

מא"ה ברכות - בשובע שמחות
ברכה לראש משביר

מעומק לבבינו, גרים ונשא קולינו לברך ולאחל ברכה כנה קדם איש יהודי ושמו **מרדכי**
רב פעלים מרבה, בכל נפשו וליבא, כביר המעש מפורסם לשבח בפרשת גדולת **מרדכי**
דרכיו נועם וישרים, עומד בראש בכל יום בתדירים, לדעת את שלום הצאן מתהלך **מרדכי**
כי מרדכי גדול ליהודים, אהוב על הבריות כולו מחמדים, בחסד עליון דורש טוב **מרדכי**
ידיד נאמן רב פעלים מקבציאל, כמותו ירבו בישראל, כולם משבחים ומפארים ברוך **מרדכי**

אהוב ונאמן במלאכת הקודש במסירות ובאמונות נושא עול הקודש על שכמו ויקח **אלעזר**
לילה כיום יאיר חשיכה באורה לטובת ביסוס מבצרי התורה והיראה ויכהן **אלעזר**
עז כנמר לעשות רצון כאשר עינינו מרן רבינו שליט"א בתור נשיא נשיאי ישראל **אלעזר**
זוכה ומזכה את הרבים צעירי צאן קדשים לאלפיהם על פיו יצאו ויבואו בפקודת **אלעזר**
רוח גבורים התאזר כל היום חונן ומלוה לצדקה וחסד וסמכו כל העדה את ידיהם על **אלעזר**

ידידינו הנעלה הרבני החסיד החשוב הנערץ והנכבד איש המעשים ופאר הפעולות לטובת הכלל איש האשכולות
אהוב ומשובח בכתר שם טוב מקבל כל אדם בסבר פנים יפות כבוד שמו תפארתו - טוב שם משמן טוב

מו"ה מרדכי אלעזר הירש הי"ו

עמוד התווך העומד בראש ממלכת התורה והחינוך של אלפי תלמידים ותלמידות כ"י בתור

אדמיניסטראטאר של מוסדותינו הק'

על פיו יצאו ועל פיו יבואו והכל יודו וישבחו כושר מעשיו הנפלאים, שזכה להעלות דרגת משרד מוסדותינו הק' עשר מעלות, ובמקום גדולתו שם נאמנתו וישרותו בשגב מעשים בהירים בסבר פנים יפות, כי מרדכ"י גדול ליהודים, ותהלתו בקהל חסידים, ממנו יתד וממנו פינה להצלחת כל סניפי המוסדות ברוב פאר והדר

לרגל השמחה הגדולה בנישואי בנו

החתן הנעים למעלות שקדן ועילוי בתורה ומצויין במדות נשגבות
כמר שמחה הלוי שיחי'
מבחירי תלמידי ישיבת שער אפרים

עב"ג בת ידידינו הנאמן הרבני הנגיד הנכבד והמפואר, יפה פרי תואר תוכך תורה נדיב ושוע, רחים ומוקיר רבנן ותלמידיהון, ותיק ועושה חסד מפורסם לשבח בתוך קהל עדת ישרים, בסגל מעשיו הברורים, כבוד שמו תפארתו

מו"ה משה אלי' וויינשטאק הי"ו

מחשובי תומכי מוסדותינו הקדושים העומד תמיד לימינינו באופן נשגבה ונעלה

המקום ישלם לו כמיטב מגלו בזכות לימוד התורה של תשב"ר היקרים
לעולם ועד ישפיע לו אלקים מטל השמים ומשמני הארץ ונחת בעדרי עדרים
ויהי' לו ולכל נפשות ביתו תנא וחסדא במעונו תמיד לדור דורים
יתן ויחזור ויתן ברכה והצלחה מתוך רב עושר ואושר ברוח גבורים

הבית בהבנותו יהא מלא ברכת ה' ברוך ומבורך מאה שערים
יבוא על שכרו בנחת מכל יוצאי חלציו והזווג יעלה יפה באופן נהדרים
רבות בשנים יעמוד על משמרת הקודש בהצלחה יתירה מארון היצורים
שומר ישראל ישלח ברכה במעליו ויתא דרכו צלחה עד יעמוד הכהן לאורים

הכ"ד המוקירים טובתו, בכל לב ונפש מברכים לעומתו
בשם אלפי הורי תלמידי מוסדותינו הק'
הנהלת המוסדות

קול ההורים

משגיח מן החלונות... א גריס פון תלמידי מוסדותינו ביי ברכת אילנות

לכבוד הנהלת מוסדות סאטמאר בוויליאמסבורג הע"י

אדשה"ט, שפיר איך פאר א פליכט איבערצוגעבן מיינע התרגשות'דיגע געפילן נאכן מיטהאלטן לעבעדיג די עבודת הקודש וואס אייערע געטרייע מחנכים לייגן אריין אין די תלמידים צו שטייגן אין תורה ויר"ש.

עס קומט מיר תיכף ארויף אויפן געדאנק דעם פסוק "כשמן תורק שמך" ווי רש"י הק' טייטשט אין שיר השירים, אז ווען מען גיסט אריבער אויל פון איין כלי צום צווייטן האט מען די מעגליכקייט צו דערשפירן און הנאה האבן פונ'ם גוטן ריח פון די אויל וואס ליגט דארט באהאלטן. דאס זעלבע האב איך אצינד געהאט די געלעגנהייט צו דערשמעקן פונדרויסן דעם הויכן קוואליטעט חינוך וואס מען פלאנצט שטענדיג אריין אין די תלמידים, וואס האט עטוואס אפגעשפיגלט וואס עס טוט זיך כסדר אפ בין כותלי המוסד והפרט יעיד על הכלל.

דאס האט זיך ווירקליך אפגעשפילט פארנט פון די פענסטער פון מיין אפיס אין די ניי-וויליאמסבורג געגנט אין די ענדע טעג פון חודש ניסן, ווען די גרעסערע ז' ח' תלמידים מיט די באגלייטונג פון זייערע מחנכים און זייער מנהל הר"ר משה אלי' גרין שליט"א, זענען אריבער געקומען אינמיטן טאג אין מיין שכינות, אינעם גארטן ביים שטוב פון מו"ה יצחק שווארץ הי"ו וואו עס איז פארהאן עטליכע פירותביימער, כדי צו בענטשן ברכת אילנות אינאיינעם ברוב עם.

מה אומר ומה אדבר, איך האב נישט ביי מיר די ווערטער צו שילדערן מיט וואספארא התעוררות דער גאנצער מעמד איז צוגעגאנגען. די גאנצע מעמד איז געווען מיט איין ציל מחנך צו זיין די תלמידים צו התבוננות בחסדי ה', און מכיר טובה זיין פאר השי"ת שלא חיסר דבר בעולמו להנות בו בני אדם.

די תלמידים זענען געשטאנען פארזאמלט ארום די ביימער ווי עס זענען געהערט געווארן עטליכע דרשות פון די מרביצי תורה שליט"א, (לויט וויאזוי איך האב דאס שפעטער איבערגעפרעגט) איבער די חשיבות פון די ביימער וואס די אידישע קינדער זענען צוגעגליכן דערצו מפי ספרים וסופרים, ווי אויך איבער די ניצוצים הק' וואס עס ליגט אין די ביימער וואס געבן ארויס פירות וואס מען טוט שפעטער מתקן זיין בשעת מען מאכט דערויף ברכת הנהנין מיט כוונה.

דערנאך האבן די תלמידים געזונגען אינאיינעם עטליכע פאסיגע ניגונים, ווי למשל אילן במה אברכך און נאך, וואס האט אפגעדונערט גאר ווייט, פון וואס איך בין טיף איבערגענומען געווארן. דאס האט געדינט אלס א פאסיגע הכנה און התבוננות צו די ברכה וואס מען מאכט איינמאל א יאר.

דאן האט מען פארטיילט ספעציעלע קאפיס פאר אלע תלמידים, ווי עס איז געווען דערויף א ספעציעלן לשם יחוד פון חיד"א, וואס מען האט אנגעהויבן צו זאגן מיט א ברען וואס איז געווארן שטערקער פון מינוט צו מינוט, ווען דער קלימאקס איז געווען ווען מען האט אינאיינעם אויסגעשריגן די ברכה בקול רם וואס האט בוקע רקיעים געווען, אשרי עין ראתה כל אלה.

דערנאך האט מען ווייטער ממשיך געווען מיט פרייליכע ניגונים, און צום ענדע אלס "קידוש במקום סעודה" איז פארטיילט געווארן עפלעך וואס מען האט זיך דארט אוועקגעזעצט עסן נאכן מאכן ערליך א בורא פרי העץ, וואס איך גלייב אז דאס איז געווען מיט אלע כוונות.

תלמידי מוסדות סאטמאר, אשריכם! טוט אפשאצן די געוואלדיגע עבודת הקודש וואס ענקערע מחנכים לייגן אריין אין ענק, אז עס זאל שטענדיג פארבלייבן מיט א גוטן טעם אין מויל קיום התורה וחביבות המצות.

און פאר די געטרייע מחנכים העוסקים במלאכת הקודש, חזקו ואמצו! ויהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם.

ש.ג. ומ"ס

***

שומרי משמרת הקודש

לכבוד הנהלת ועד החינוך של מוסדותינו הק'

איך וויל מיט קורצע שורות זיך באדאנקען פאר די אויסטערלישע כוחות וואס איר לייגט אריין אכטונג צו געבן אויף צניעות ביי אונזערע טעכטער וואס ווען נתחנך אין די מוסדות, מיטן שטיין שטענדיג אויף דער וואך מיט גדרים וסייגים משמרת למשמרת, אז אונזערע קינדער זאלן שטרעבן אויף צניעות און איידלקייט פון קליינווייז אן וואס דאס איז דער יסוד פון א אידישע טאכטער.

ווי אויך ווערט גענומען די ריכטיגע מיטלען אויפצופאדערן די חשובע עלטערן צו האלטן א וואכזאם אויג, נישט אריינצולאזן אין אונזער מתנה די אלע גוואישע איבלען און מאדעס פון די געמיינע גאס, וואס דער יצה"ר פרובירט אלע טאקטיקן איינצוברעכן דעם חומת הצניעות ביי בנות ישראל היל"ת.

באזונדער וויל איך זיך באדאנקען פאר די תקנות קונטרס וואס איר האט אהיימגעשיקט אויף פאסט ביים אנהייב פונעם זומער סעזאן, וואס דערמיט האט איר ארויסגעהאלפן די חשובע עלטערן צו וויסן להבדיל בין קודש לחול וגו'.

תחזקנה ידיכם

מ.א.

(פארזעצונג אויף זייט 33)

מ. ב. ניימאן

מען דאַרף געדענקען

די שיינע רויזן

גאַנצע זיבן וואָכן גרייט זיך כלל ישראל מיט אַ גרויסע הכנה צו דעם געהויבענעם יו"ט שבועות. אידן גרייטן זיך אַריינצוטרעטן בקדושה ובטהרה אין דעם זמן מתן תורתינו, דער טאָג וואָס דער רבוש"ע האָט געגעבן די תורה הקדושה פאַר כלל ישראל. אין דעם טאָג זענען מיר אידן געוואָרן דער עם הנבחר, מיר זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין די עבדים פאַרן מלך מלכי המלכים. אין דעם טאָג האָבן מיר באַקומען די תורה מצוות מיט וואָס צו דינען דעם בורא כל עולמים.

נישט בלויז אין די ניין און פערציג טעג צווישן פסח און שבועות טראַכטן אידן פון דעם זמן מתן תורתינו, נאָר אויך אַ גאַנץ יאָר ליגט אַ פליכט אויף יעדן איד צו טראַכטן כאָטש איינמאָל אין טאָג פון דעם אויסטערלישן מעמד הנבחר ווען השי"ת האָט געגעבן די תורה פאַר זיין באַליבט פאָלק. די תורה הקדושה איז דער יסוד פון אַ איד, און כדי מיר זאָל ח"ו נישט פאַרגעסן איין מינוט פון די תורה און מצוות וואָס השי"ת האָט אונז באַפוילן, האָבן מיר אַ באַזונדערע חיוב זיך כסדר צו דערמאָנען און נישט פאַרגעסן פון דעם אומבאַגרייפליכן מעמד הר סיני ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער בוכ"ע איז אַראָפּגעקומען אויפן באַרג סיני און די אידן האָבן געהאַט די זכי' צו הערן די עשרת הדיברות מפי הגבורה.

צווישן די זעקס זכירות וואָס אַ איד דאַרף געדענקען יעדן טאָג, זאָגט מען די פסוקים אין פרשת ואתחנן (ד, ט) רק השמר לך ושמר נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת לפני הי"א בחרב, באמר ה' אלי הקהל לי את העם ואשמעם את דברי אשר ילמדון ליראה אתי כל הימים אשר הם חיים על האדמה ואת בניהם ילמדון. דער פסוק באַפעלט שטרענג אַז מען דאַרף זייער אַכטונג געבן נישט צו פאַרגעסן דעם טאָג וואָס מען איז געשטאַנען אין חורב ביים באַרג סיני. עס איז נישט גענוג בלויז אַז מען געדענקט אַז דער באַשעפער האָט אונז געגעבן די תורה, מען דאַרף גוט געדענקען דעם מעמד זעלבסט.

ווען עס קומט דער יו"ט שבועות, דער ספעציפישער טאָג ו' סיון, ווען השי"ת האָט אונז געגעבן די תורה הק', איז דער זמן גרמא זיך צו פאַרטיפן אין דעם גרויסן מעמד הנבחר. מען דאַרף זיך מצייר זיין וויאַזוי דער מעמד איז צוגעגאַנגען, דאָס גוט איינקריצן אין זכרון, און דערמיט אַוועקשטעלן דעם יסוד פאַר אַ גאַנץ יאָר אַז ווען מען זאָגט די זכירות זאָל דאָס גלייך אַרויפקומען אין געדאַנק מיט אַלע פאַרבן און דאָס וועט אונז העלפן זיך מחזק צו זיין אין קיום התורה והמצות און יראת שמים.

> דער גאַנצער יום טוב איז בעיקר געווידמעט זיך צו פרייען מיט די תורה הק' און איבערגעבן פאַר די קינדער דאָס עריבות און מתיקות התורה און זיי אריינגעבן אַ געשמאַקאיןדעםדרךהתורה.

דער פסוק לייגט צו נאָך אַ נקודה, אַ פונקט וואָס ווערט נישט דערמאָנט ביי די אַנדערע זכירות און אויך כמעט נישט ביי קיין שום אַנדערע מצוה. אין פסוק שטייט ספעציעל אַרויס אַז אַ טייל פון דעם פליכט פון זכירת מעמד הר סיני איז "והודעתם לבניך ולבני בניך" - מען דאַרף דאָס איבערגעבן פאַר די קינדער און אייניקלעך. טראָצדעם וואָס עס איז פאַרשטענדליך אַז געווי ווי אַלע אַנדערע מצות דאַרף אַ טאַטע מחנך זיין זיינע קינדער צו געדענקען דעם מעמד הר סיני, דאָך שטייט עס דאָ אַרויסגעשריבן מיט אַ באַזונדערער דגוש.

חוץ פון דעם וואָס מען דאַרף מצייר זיין דעם מעמד קבלת התורה פאַר זיך, מען דאַרף זיך אויס'משלן פונקטליך וויאַזוי עס האָט אויסגעקוקט דער מעמד נשגב, האָבן מיר אַ באַזונדערע פליכט דאָס איבערצוגעבן ווייטער פאַר

די קינדער. עס איז נישט גענוג אַז די קינדער ווייסן אַז שבועות האָט השי"ת אונז געגעבן די תורה, מען דאַרף זיי אַראָפּגעבן דעם גאַנצן מעמד ביים באַרג סיני מיט אַלע קאָלירן און מיט ראַזעווע פאַרבן דאַרף מען זיי שילדערן וויאַזוי עס האָט אויסגעקוקט דער מוראדיגער מעמד פון קבלת התורה.

עס ליגט אַ חיוב צו דערמאָנען דעם מעמד הר סיני אַ גאַנץ יאָר, אָבער דער יו"ט שבועות איז ספּעציעל געאייגנט דערפאַר. עס איז נישטאָ נישט קיין באַזונדערע מצוה וואָס מען דאַרף מקיים זיין אין דעם יו"ט, מען פירט זיך בלויז מיט פאַרשידענע מנהגים וואָס דערמאָנען דעם מעמד הר סיני. מען זאָגט די אקדמות בקול רעש גדול וואו מען ברענגט ארויס באריכות דער געוואלדיגער שכר וואָס איז אנגעגרייט פאַר צדיקים לעתיד לבוא, אַזוי איז דער גאַנצער יו"ט בעיקר געווידמעט זיך צו פרייען מיט די תורה הק' און איבערגעבן פאַר די קינדער דאָס עריבות און מתיקות התורה און זיי אריינגעבן אַ געשמאַק אין דעם דרך התורה.

די גמרא זאָגט אין מסכת פסחים (דף ס"ח) הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מאי טעמא יום שניתנה בו תורה הוא. אַלע שבתים און ימים טובים איז אַ פּלוגתא צי עס דאַרף זיין בלויז 'לשם' - בלויז פאַרן באַשעפער אָן קיין שום גשמיות'דיגע הנאה, אָדער מען דאַרף אויך מקיים זיין דעם 'לכם' – דער מענטש דאַרף זיך אויך מתענג זיין מיט עסן און טרונקן. שבועות איז יעדער מודה אַז עס דאַרף אויך זיין 'לכם', מען דאַרף זיך מתענג זיין במאכל ובמשתה, און רש"י ערקלערט די סיבה דערצו "להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שניתנה בו תורה" – צו ווייזן אַז מען איז פרייליך און צופרידן מיט דעם טאָג וואָס איז געגעבן געוואָרן די תורה פאַר די אידן.

שבועות איז אַ חיוב צו עסן און טרונקן און ארויסווייזן צופרידנהייט מיט די תורה. מען איז נישט פאַרטומען מיט קיין שום אַנדערע מצוה, בלויז אריינצוליגן אין זיך און אין די קינדער אַז די תורה איז זיס און געשמאַק און מיר האָבן הנאה אַז השי"ת האָט דאָס פאַר אונז געגעבן. מען עסט צוויי סעודות, מען פאַרברענגט אינאיינעם און מען זינגט צוזאַמען די גאַנצע משפחה, כדי אַוועקצושטעלן יעדע סאָרט פאַרדאַכט אַז די תורה און מצות זענען פאַר אונז לעול ולמשא.

די טבע פון אַ קינד איז אַז ער ווערט צוגעצויגן צו אַ פרייליכע אַטמאָספערע. אַ קינד וועט אייביג לעכצן נאָך די זמנים ווען עס איז געווען פרייליך אין שטוב. עס איז אוממעגליך צו באַגרייפן וואָספאַראַ שטאַרקע רושם עס פאַרבלייבט אין די מוח פון אַ קינד ווען מען פראַוועט די סעודות יו"ט שבועות מיט אַ פרייליכקייט צו די תורה. די פרייליכקייט פון יו"ט שבועות לייגט אַריין אין די קינדער דעם געפיל אַז די תורה איז מתוקה מדבש ונופת צופים. און דאָס איז דער חיוב פון די עלטערן מיט די מצוה פון זכירות מעמד הר סיני.

> ווען אַ טאַטע רעדט צו זיין קינד איבער די חשיבות פון לערנען תורה בהתמדה; ווען אַ טאַטע שמועסט ביי די סעודות פון די געוואלדיגע זכי' וואָס מיר האָבן צו זיין דער עם הנבחר, אויסדערוועלט פון אַלע פעלקער; ווען אַ טאַטע לייגט אַריין אין די קינדער אַז אַלע השפעות אויף דער וועלט קומט בלויז דורך די תורה, האָט דאָס אַ ווייטגרייכנדע השפעה אויף אַ גאַנץ יאָר.

דער מנהג ישראל איז צו באַצירן די הייזער און דאָס ביהמ"ד מיט ביימער און בלומען. דער לבוש ברענגט די טעם פאַרוואָס מען באַצירט די הייזער מיט בלומען און רויזן, ווייל בשעת מתן תורה איז דער באַרג סיני בדרך נס אַרומגענומען געוואָרן מיט שיינע גראָז און שמעקעדיגע בלומען און רויזן. דערפאַר נעמען מיר אויך אַרום די תורה און דעם ארון הקודש מיט שיינע בלומען און רויזן, זיך צו דערמאָנען דעם מעמד הנבחר.

דאָס איז אונזער בליק אויף מתן תורה במשך דעם יום טוב שבועות, מען מאָלט אַראָפּ דעם מעד הר סיני מיט קאָלירטע פאַרבן פון שמעקעדיגע רויזן און אַ פרייליכע אַטמאָספערע. אָבער אַז מען דערמאָנט זיך צוריק מיט וואָספאַראַ בליק מען לייגט אַראָפּ דעם מעמד הנבחר ביי די תפלת מוסף פון ראש השנה, קומט אויפ'ן געדאַנק גאָר אַן אַנדערע בליק. ביי די שמונה עשרה ראש השנה זאָגט מען "גם כל העולם כולו חל מפניך בהגלותך מלכינו על הר סיני ללמוד לעמך תורה ומצות, ותשמיעם הוד קולך ודיברות קדשך מלהבות אש, בקולות וברקים עליהם נגלית ובקול שופר עליהם הופעת". פון די ווערטער באַקומט מען דעם איינדרוק אַז דער מעמד הר סיני איז געווען פול מיט פחד און שרעק, מען האָט געבלאָזן שופר און ווי די גמרא זאָגט אין ברכות (כ"ב) אַז די אידן האָבן מקבל געווען די תורה באימה וביראה ברתת ובזיעה.

עס איז מערקווירדיג אַז איינס פון די טעמים וואָס רבי סעדי' גאון זאָגט פאַרוואָס מען בלאָזט שופר ראש השנה, איז צו דערמאָנען דעם מעמד הר סיני ווען השי"ת האָט געבלאָזן מיט אַ שופר גדול בשעת ווען ער האָט געגעבן די תורה פאַר כלל ישראל, איז גאָר אינטערעסאַנט דער פאַקט אַז ווען עס קומט בפועל דער טאָג פון מתן תורה, דעמאָלט בלאָזט מען נישט מיט קיין שופר. במשך דעם גאַנצן יו"ט מאַכט מען נישט קיין שום זכר צו די קולות וברקים און צו די לפידים וואָס איז פאַרגעקומען אין יענע מאָמענטן דאָרט, מען דערמאָנט בלויז די שיינע רויזן און די שמעקעדיגע בשמים.

מיר קענען דערפון אַראָפּלערנען אַז ווען מען איז מקיים דעם למען תזכור, ווען מען קריצט אריין אין זכרון דעם מתן תורה, און מען לייגט אַריין אין די קינדער דעם געפיל צו תורה און מצוות דעמאָלט דערמאָנט מען נישט די קולות וברקים. אַז מיר ווילן אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ חשק און אַ געשמאַק אין אידישקייט מוז מען דאָס איבערגעבן מיט די שענסטע פאַרבן, דער מעכטיגער קול שופר, די דינערן און בליצן און דער שרעקליכער פייער וואָס האָט געברענט אויפ'ן באַרג, דאָס דערמאָנט מען בלויז ווען עס קומט דער יום

(פאָרזעצונג אויף זייט 26)

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

Central
United Talmudical
Academy

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

"השלם" זה הבנין

אזוי ווי די הנהלת המוסדות האבן אין די יעצטיגע טעג אנגעהויבן א

מיליאן דאלערדיגן פראיעקט

צו פארענדיגן דעם לעצטן פליגל פון דעם בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוו.

- מען וועט בעז"ה גענצליך רענאווירן דעם בנין הת"ת פון אינדרויסן.
- נאך פרישע קלאסן פאר די תינוקות של בית רבן אויף דעם ערשטן שטאק
- א הערליכע שפיל פלאץ פאר די קלענערע קינדער אויפ'ן דאך פון די תלמוד תורה
- א נייע קיך פאר די מנוחה ושמחה זאלן
- און נאך וויכטיגע רענאוואציעס

די גאנצע ארבעט וועט שוין זיין פארטיג בעז"ה כליל בהדרו אויף דעם קומענדיגן שנת הלימודים תשע"ב הבעל"ט

אין ליכט פון דעם טוען מיר פראקלאמירן א גרויסארטיגן

"השלם קאמפיין"

צו אפעלירן פון אלע אנשי שלומינו אויסצוצאלן די אלע אלטע התחייבות'ער פון די פריערדיגע יארן. אז מיר זאלן קענען דעקן די געוואלדיגע הוצאות פון די אנגייענדע בוי ארבייט צו פארענדיגן דעם בנין

במשך די קומענדיגע וואכן וועלן אונזערע עסקנים ארומגיין צווישן דעם ציבור, די אלע וואס זענען שולדיג געבליבן געלט פון **"אדני קודש"** וכדומה זאלן זיך אנשטרענגען דאס אויסצוצאלן כדי מיר זאלן קענען גומר זיין אויף דעם בנין בכי טוב בעז"ה

מיט דאנק
הנהלת המוסדות

אין בית המדרש בלא חידוש

פרישע חידושים אין תלמוד תורה לתועלת התלמידים

פארהער אויף הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א ביי תלמידי כיתה ט' דורכגעפירט געווארן מיט זעלטענע הצלחה

דער יום טוב פסח העעל"ט איז גוט אויסגענוצט געווארן דורך די תלמידי כיתה ט' - מכינה לישיבה קטנה איבערצוחזר'ן די פרקים אין מס' קידושין וואס איז דורכגעלערנט געווארן דורכאויס דעם פארגאנגעם לאנגן ווינטער, כדי צו זיין גרייט צום גרויסארטיגן פארהער פון הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א, וואס איז באשטימט געווארן אויף תיכף נאך פסח.

אנהייב זומער זמן נאכן דורכגיין א גרינטליכן פארהער ביים חשוב'ן מנהל הרב ר' יודא בער טעללער שליט"א, איז דער סאטמאר מאנסי'ער רב שליט"א ספעציעל געקומען צו פארן קיין וויליאמסבורג, אפצוהאלטן דעם פארהער.

די פארהער איז פארגעקומען בהיכל בית המדרש פון כיתה ט' ווי אלע תלמידים זענען זיך צוזאמגעקומען און זיך געזעצט ארום די אויסגעשורה'טע טישן און קיין גמרות, און יעדער תלמיד איז איינציגווייז פאריבער ביים רב שליט"א וואס האט פארהערט די תלמידים דעם גאנצן פרק האיש מקדש גמרא תוספות מיט אירע שווערע סוגיות מרישא ועד גמירא, און עס איז געווען קענטיג זיין התפעלות פון די קלארקייט אין די גאנצע פרק וואס די יונגע צורבא מרבנן'ס האבן ארויסגעוויזן.

נאכן פארהער האט דער רב שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה, אין וועלכן ער האט ארומגערעדט בעניני ספירת העומר, און האט דערמאנט די גרויסקייט פון די געהויבענע טעג, וואס די תלמידים דארפן וויסן עס גוט אויסצונוצן. דאן האט ער ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון די התעלות בתורה פון די פרחי התלמידים ווי עס איז געווען ניכר די כוחות און שעות פון חזרה זיי האבן אריינגעלייגט אין די בלעטער גמרא, און האט זיי מעודד מיט דברי חיזוק צו שטייגן מחיל אל חיל אין תורה ויר"ש.

פארהער אויף גאנץ פרק האשה נקנית

א גרויסער טייל תלמידי כיתה ט' האבן אין די טעג נאך יום טוב פסח אויך באוויזן זיך צו פארהערן אויפן גאנצן ערשטן פרק אין מס' קידושין פרק האשה נקנית, וואס זיי האבן געלערנט פארגאנגענעם יאר אין כיתה ח', און דאס איז גרינטליך איבערגחזר'ט געווארן אין לויף פונעם ווינטער זמן יעדן טאג אין די פארמיטאג שעות אין די ראמען פון חברת 'מחודדים בפיך'.

צוליב דעם וואס הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנסי איז געווען אנגעשטרענגט אין די עבודת הקודש בעניני הוראה והנהגת הקהילה, האט אים זיין צייט נישט ערלויבט דורכצופירן דעם פארהער אויך אויף דעם פרק ווי געפלאנט, דערפאר דער חשובער מנהל הרב ר' יודא בער טעללער שליט"א איינגעלאדענט איינער פון די חשובע רבני אנ"ש אין מאנסי הרה"ג ר' דוד יודא הירשפעלד שליט"א דומ"ץ מונקאטש מאנסי ומחבר ספר מכתם לדוד על מסכתות הש"ס, וועלכער איז געקומען פארהערן די תלמידים דעם גאנצן פרק.

הרה"ג ר' דוד יודא שליט"א איז שטארק נתפעל געווארן פון די בקיאות וואס די בחורים האבן ארויסגעוויזן ביים פארהער, ספעציעל נאכדעם וואס זיי האבן געלערנט דעם פרק מיט העכער א יאר צוריק, און דאן זענען זיי איצט געווען דערין ממש

רייכער קובץ פון ספרי חסידות פאר תלמידי כיתה ט' לכבוד חג השבועות

ווארימער מכתב המלצה פון הג"ר דוד יודא הירשפעלד נאכן פארהערן די תלמידים

די כתב הצטיינות מיט דברי ברכה וחיזוק פון הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א

קונטרס מיט שיינע פירושים אויפן פיוט פון אקדמות

הבנין בחרבותו...

א פוסט-חרוב'ער בנין ווען עס איז
איבערגענומען געווארן דורך מוסדותינו הק'

בנין התלמוד תורה בשעת'ן קלאוזן

ביים אנהייבן די מאסיווע בוי ארבעט איבער גאנצן בנין

ביים אנהייבן די בוי ארבעט אין איינע פון די בתי מדרשים

העפטיגע בוי ארבעט אינעם גרויסן היכל ביהמ"ד פון כיתה ט'

פלאמבינג ווערט אריינגעצויגן אינעם גאנצן בנין

סענטראל עיר-קאנדישאן אינסטאלירט אויפן דאך

ביים אנהייבן אויפצושטעלן די כיתות אויף די צווייטע שטאק

ווענט ווערן ארויפגעצויגן פאר די פרישע כיתות

מארטנעדיש
גורל
- שבועות קאמפיין -

באנוס-גורלות!

שליסט אייך אן אלס א מעמבער

אינעם מארגנעדוש-קאמפיין

און בלויז פאר אייער

1'טער פעימענט

געווינט איינע פון די פילצאליגע גורלות:

$180
סערטיפיקארט

תפילין רש"י
(פרשיות)
ע"י
הר"ר אברהם שמואל בראך הי"ו
סופר סת"ם
845.662.2891

"מי מנוחות"
רעזארט
געשמאקער שבת פאר 2 מענטשן
845-782-9628

10 געווינער
פון $200 בתים
סערטיפיקארטן
ביי
הר"ר חיים אלי' צויבל הי"ו
סופר סת"ם
845.325.9556

5 געווינער
פון $60
סערטיפיקארטן
ביי
מאנרא באס-סערוויס

2 געווינער פון
טעקס רעטורנס
ביי
ר' משה אליעזר ניימאן נ"י

כיתה
"הכנה לבר מצוה"
דורך
הר"ר נפתלי יעקב גאטליעב הי"ו
845-325-4651

3 געווינער פאר א יאר מעמבערשיפ
ביי
מטבע לאטא

2 געווינער
פון $50
סערטיפיקארטן
ביי
אפסטעיט עקספרעס

2 געווינער
פון $50
סערטיפיקארטן
Wireless Experts
ביי
ווייערלעס עקספערטס

4 געווינער
פון $50
סערטיפיקארטן
845-782-0090
FISHPOND
ביי
פיש פאונד

32 געווינער'ס!

צו קויפן דעם גורל אדער פאר גורל אינפארמאציע ווענד אייך צו אונזער עסקן ר' יצחק חיים פריינד - 9573- 238-845

בעזהשי"ת
אל ההרים אשא עיני...
זייט דער גליקליכער געווינער פון
צוויי וואכן אויסגעצאלטע וואקאציע
ווילאמסבורג
מארטגעדזש
גורל
שע"י ישיבה תורה ויראה דרבי' סאטמאר וויליאמסבורג
- שבועות קאמפיין -
קרית יואל - תשע"א לפ"ק
MENUCHA
מנוחה מאטעל
For reservations please call:
718-388-6164 | 845-794-3503
אינעם געשמאקער און היימישע קור-ארט
"מנוחה" זוממער-רעזארט
אין א העכסט-אנגענעמע אטמאספערע אויף די קעטסקיל-בערג
כמה מעלות טובות:
= אנגענעם און געשמאק
= היימיש און באַטעמט
= הרחבת הדעת ושלות הנפש
ועל כולם: גענצליך אומזיסט!
דורכן זיך אנשליסן מיט
$240
אינעם בארימטן
"מארטגעדזש קאמפיין"
להחזקת מוסדותינו הק'
אין וויליאמסבורג
צו קויפן דעם גורל אדער מער גורל אינפארמאציע ווענדט אייך צו אונזער עסקן ר' יצחק חיים פריינד - 845-238-9573

הבנין בהבנותו...

**אדאנק די פאנטאסטישע שטיצע פון אנ"ש
האט מען אזוי פראכטפול אויפגעבויט דעם בנין**

היכל בית המדרש פאר תלמידי כיתה ט' ווערט פארענדיגט

די ברייטע קארידארן צווישן די כיתות ווערן פארענדיגט

עס זאל ווערט אוועקגענומען פארן געברויך פון נייע כיתות

בוי ארבעט אין די 'מנוחה ושמחה' זאלן אין די ערשטע פאזעס

הערליכע אדני קודש טאוועל באצירט ארייגאנג אויף ראטלעדוש סט.

איינס פון די עס זאלן אינגאנצן פארענדיגט

איינע פון די עלעגאנטע 'מנוחה ושמחה' זאלן צוגעגרייט צו א שמחה

די פראכטפולע הויפט ארייגאנג צום בנין אויף ווייט עוו.

'זוי אינדערהיים'.

נאכן פארהער האט דער גאסט הרה"ג ר' דוד יודא אויפגעטרעטן מיט א פלאמפייערדיגע דרשה פאר אלע תלמידים, נאכזאגענדיג אן אוצר פון ספרי קודש אויף די ימי הספירה און איבער די פליכט וואס עס ליגט אויף א בחור וואס האט די זכי' צו שטייגן אין תורה ויר"ש בין כותלי מוסדותינו הק'. די ווארימע דרשה האט געלאזט א שטארקע רושם אויף די תלמידים.

דער חשובער בוחן האט איבערגעלאזט פאר די תלמידים א זעלטן ווארימער בריוו ווי ער דרוקט אויס זיינע הרגשים איבער די געוואלדיגע הצלחה און די כוחות וואס עס איז איינגעלייגט געווארן אין די תלמידים.

אין די בחינה פון קנאת סופרים תרבה חכמה, גרייטן זיך איצט די אנדערע טייל תלמידים אויך צו פארהערן דעם גאנצן פרק. אין א געמיינזאמע אונטערנעמונג לערנען די ערשטע טייל תלמידים, וואס האבן עס שוין קונה געווען, צוזאמען מיט די אנדערע תלמידים, וועלכע האבן עס נאך נישט קונה געווען, אין א בחינה פון איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק. אט אזוי ווערט ערווארטעט אז אין די נאנטע וואכן וועלן אלע תלמידים האבן דעם גאנצן פרק כמונח בקוספא.

אט דאס אלעס צייגט אז אנשטאט דער שנת העיבור זאל מאכן דעם זמן לאנגווייליג, צוליב דעם לענגערן זמן, איז די גרעסערע צייט אפשניט אויסגענוצט געווארן לטובה, ווען תיכף נאך חג הפסח האבן די תלמידים שוין געהאט דורכגעלערנט ישר והפוך קרוב צו זעכציג בלעטער גמרא פון די צוויי לומדישע פרקים.

אצינד איז מען ווייטער ממשיך מיטן שיעור עיון אין פרק האומר און מיטן שיעור פשוט אין פרק עשרה יוחסין, וואס מען וועט אי"ה מסיים זיין די גאנצע מס' אינמיטן די זומער וואכן אין קעמפ און וועט פארהערט ווערן דורכ'ן רבי'ן שליט"א ביים יערליכן באזוך אין מחנה רב טוב.

קיץ וחורף יום ולילה לא ישבותו

מיטן אנהייבן דעם נייעם זומער זמן ביי תלמידי כיתה ט' איז באשלאסן געווארן דורך די חשובע מרביצי תורה אנצוהאלטן ווייטער מיטן ווינטער'דיגן זייגער.

דער תועלת דערפון איז, אז מען קען ווייטער אנהאלטן דעם פארטאגס סדר פארן דאווענען ווי מען לערנט פאר דעם שיעור עיון מיט א קלארן קאפ.

דער פאקט איז אז זומער ווערט שפעטער נאכט איבעראל צוליב דעם וואס דער זמן מעריב איז שפעט און דאס טוט שטארק עפעקטירן די סדר פון פארטאגס אין אלע ישיבות.

אצינד מיטן נייעם איינפיר לעבט דער תלמיד מיט א געהעריגן סדר היום ווען מען גייט אהיים פון ישיבה נאך מעריב 9:00 אזייגער און מען אז מען ליגט זיך צייטליך שטייט מען אויף צייטליך און מען קען מער דערגרייכן קונה צו זיין תורה הק' אין די צופרי שעות.

יום המר והנמהר ה' אייר

דער טאג פון יום המר והנמהר ה' אייר איז אפגעצייכנט געווארן אין תלמוד תורה ווי עס דארף אויסקוקן אין די סאטמארע מוסדות, ווען די מלמדים און מרביצי תורה האבן אויפטרעטן מיט פלאמפייערדיגע דרשות קעגן ציונות, און אריינגעברענגט אין די קינדער א געפיל פון קנאות לשם שמים און שפירן דעם צער השכינה מיטן קיום פון די מדינה של גיהנום.

די תלמידים אונטערן מנהל הרב ר' משה אלי' גרין שליט"א זענען זיך צוזאמגעקומען אין ביהמ"ד וואו זיי האבן געהערט א פלאמפייערדיגע דרשה, דורכ'ן בארימטן ידען וספרא רבא הרה"ג ר' מרדכי אהרן זאבעל שליט"א פון קרית יואל, וועלכער האט שטארק אנגעווארימט די הערצער פון די תלמידים איבער דעם נושא פון מלחמה לד' בעמלק קעגן ציונות.

דאס זעלבע איז געווען ביי די כיתות פונעם מנהל הרב ר' יואל שטערן שליט"א, ווען די תלמידים האבן אויסגעהערט מיט שפאנונג די רייכע דרשות באגלייט מיט א שלל פון דברות קודש מתורתו של רבינו וואס ער האט געלערנט פאר כלל ישראל בדם לבו הטהור.

עס האבן אויפגעטרעטן די חשובע מלמדים הרב ר' הערש לייב בראך שליט"א און הרב ר' דוד הערש מערץ שליט"א, וועלכע האבן ארויסגעברענגט די חוב וואס עס ליגט אויף יעדן סאטמארער תלמיד צו זיין קלאר אין באוואוסט אין די חורבן וואס ציונות האט געברענגט אויף כלל ישראל.

עס איז אויך ספעציעל ערשינען תוכנ'דיגע קונטרסים מעניינא דיומא, ווי אויך א ליקוט פון עטליכע בריוו ארויסגענומען פון אגרות מהרי"ט וואס רביה"ק בעל דברי יואל האט געשריבן בדם לבו הטהור בעניני ציונות וואס די תלמידים האבן דורכגעלערנט מיט אן ערנסקייט.

פרקי אבות

טייל מלמדים האבן איינגעפירט אין זייערע חדרים א נאבעלן סדר פון לימוד פרקי אבות, אז יעדע וואך ווערט אויסגעקליבן אן אנדערער תלמיד, וועלכער זאל זיך צוגרייטן אן אייגענעם שיעור אויף פרקי אבות. די תלמידים גרייטן זיך טאקע צו און טרעטן דערנאך אויף מיט שיינע דברי תורה, סיפורי

ליקוט פון ספר אגרות מהרי"ט וואס די תלמידים האבן דורכגעלערנט ה' אייר

שבת של מי? די אינגערע תלמידים טרעטן אויף ברבים מיט א שיעור אין פרקי אבות

מעלדונג פאר די אינראלסטרייכע דרשה פון הר"ר מרדכי אהרן זאבעל שליט"א מק"י

קונטרס אויף אידיש אין השקפה בעניני ציונות פאר די אינגערע תלמידים

די קינדערגארטן תלמידים אויסגעשורה'ט ארום די גרויסארטיגע הדלקה אין ראוו קעסטל פארקינג לאט ל"ג בעומר נאכמיטאג

צדיקים, ענינים פון מוסר און יראת שמים, וואס די גאנצע כיתה הערט אויס מיט אינטערעסע.

דער תועלת דערפון איז גאר גרויס, סיי אז די תלמידים הערן שיינע ענינים פון מדות טובות וואס דאס קינד לערנט פאר, און סיי די געהויבנקייט און דאס גוטע געפיל אינעם פארלערנער זעלבסט, אז ער האט די מעגליכקייט אליין זיך צו גרייטן און פארלערנען א שיעור.

חברת תהלים

א הערליכער סדר פון חברת תהלים איז איינגעפירט געווארן אין די לעצטע יארן יעדן ערב שב"ק נאכמיטאג פון די ימי הקיץ אין בית מדרשינו הגדול אויף הופפער סט.. וואו הונדערטער תינוקות של בית רבן קומען זיך צוזאם אויסצוזאגן אינאיינעם מזמורי תהלים, מעורר צו זיין רחמי שמים אויסצופועל'ן ישועות ורפואות להכלל והפרט.

דער הערליכער סדר ווערט אנגעפירט דורך געטרייע מלמדים אין שפיץ פונ'ם חשובן מלמד הרב ר' אברהם חיים ליכטמאן שליט"א.

ווען עמיצער קומט אריין אין ביהמ"ד אין די שעות, ווערט אינאנצן נתרגש צוזעהנדיג דאס התרגשות'דיגע בילד וויאזוי הונדערטער תשב"ר נוצן אויס די פרייע שעות פונעם לאנגן פרייטאג נאכמיטאג, און זאגן אינאיינעם מיט התלהבות די מזמורי תהלים מיטן ניגון המקובל.

ל"ג בעומר

אין דעם גרויסן טאג פון ל"ג בעומר איז די גאנצע ת"ת געווען איינגעהילט אין שמחה און געהויבנקייט וואס האט זיך געשפירט אין די לופט אין אלע אפטיילונגען.

ביי די תלמידי כתה ט' איז געפראוועט געווארן א גרויסארטיגע סעודת הילולא אין היכל בית המדרש אברהם חיים, ביי וועלכן הגה"צ אב"ד דקהילתנו שליט"א איז פערזענליך געקומען זיך משתתף זיין.

נאך די ווארימע זמירות און פייערדיגע ריקודין, האט דער רב שליט"א אויפגעטרעטן מיט א לענגערע דרשת פתיחה, לכבוד דעם נייעם זמן ווי דער רב שליט"א האט כדרכו ארומגערעדט שיינע דברי תורה לכבוד היום, און דאן האט ער אויסגעשמועסט ווארימע דברי הדרכה פאר די בחורי חמד, אויפפאדערנדיג די בחורים צו וויסן מה חובתם בעולמם אין אזעלכע טייערע יארן, וואס דארף אויסגענוצט ווערן אריינצוכאפן לימוד התורה בהתמדה רבה, און אריינלייגן אין זיך שטארקע כוחות אין יראת שמים און ערליכקייט וואס זאל זיין א שטארקע יסוד פאר א גאנץ לעבן, די ווארימע ווערטער פונעם רב שליט"א האבן געלאזט א שטארקן רושם אויף די תלמידים.

אין די אנדערע כתות, ווי דער מנהג מקדמת דנא אין סאטמארער חדר, זענען אלע קינדער געקומען מיט ווייסע העמדער, און יעדע כתה האט געפראוועט פאר זיך א סעודה וואס האט געטראגן א ספעציעלן חן, נאכדעם וואס די תלמידים האבן

הערליכער קונטרס לכ' ל"ג בעומר אורות הרשב"י

יעדע כיתה האט אריינגעשטעלט מאמרים אינעם קונטרס

מודעה פון חברת תהילים יעדן ערש"ק אין בית המדרש הגדול

דברי התעוררות מקבל צו זיין די השפעות טובות פון ל"ג בעומר

אליינס אהערגעשטעלט און סערווירט די גאנצע סעודה, מיט מאכלים ומשקאות וואס די קינדער האבן געברענגט פון דערהיים.

ביי די סעודה האט יעדער מלמד אין זיין חדר ארומגערעדט פונעם גרויסקייט פון הייליגן תנא רבן שמעון בן יוחאי. דערנאך זענען די קינדער ארויסגעגאנגען אין א ריקוד, זינגענדיג בר יוחאי, ואמרתם כה לחי או"ו וואס די ריקודים זענען ווייטער פארגעזעצט געווארן ווען אלע כיתות זענען אינאיינעם ארויסגעקומען אין די ברייטע קארידארן אדער אין די בתי מדרשים און מען האט זיך משמח געווען אינאיינעם לכבוד היום מיט לעבעדיגע מוזיק. – אזוי אז דער גאנצער בנין איז געווען כל כולו אומר שירה, לכבוד דעם גרויסן טאג.

אין די קלענערע נורסערי כתות זענען פארגעקומען פילע אפשערן'ס בלי עין הרע אין יעדע כיתה באזונדער, פון די קינדער וואס זענען געווארן 3 יאר דורכאויס די ימי הספירה. די קינדער זענען געקומען אין באגלייטונג פון זייערע עלטערן און זיידעס, וועלכע האבן געשעפט פערזענליכע נחת און אויך א נחת רוח פון די בליה פון די הייליגע מוסדות, צוזעהנדיג פון דערנאנט ווי אלפי תלמידי מוסדותינו כ"י ווערן נתחנך צו תורה און יראת שמים.

אין די מיטאג שטונדן זענען די קינדער פון די קלענערע כתות ארויסגעפארן צו פארשידענע פארק'ס אין שטאט, וואו מען האט אנגעצינדן א גרויסע הדלקה לכבוד היום און זיי האבן אנגענעם פארברענגט מיט זינגען לעבעדיג אינאיינעם בר יוחאי און נאך פריילכע ניגונים.

לשבר את הטבע

אין צוזאמענהאנג מיט די ספירה טעג, א צייט וואס איז מיוחד צו ארבייטן אויף מדות טובות, האבן די תלמידים פון די כתות ז' און ח' אונטערן מנהל הרב ר' יואל שטערן שליט"א זיך אונטערגענומען צו מאכן די הכנה דרבה צום הייליגן יו"ט שבועות ביים דורכפירן די מיסיע פון "לשבר את הטבע".

דער "לשבר את הטבע" אונטערנעמונג איז געקומען אין ליכט פון וואס עס שטייט אין צעטיל קטן פון הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע, אז א מענטש זאל פערציג טאג ארבייטן אויף א מדה, אזוי ארום וועט ער קענען אויסרייסן זיינע שווערע מדות צום גוטן.

דערפאר האבן זיי זיך אונטערגענומען צו ארבייטן אויף די מדות, יעדער תלמיד אויף זיין מדה וואס ער האט זיך פריוואט אויסגעקליבן, צו ארבעטן דערויף במשך א צייט פון פערציג טאג ביזן לבין קומו אנדעם וואס איינער זאל וויסן דערפון. אנגעהויבן פון כ"ו ניסן די יומא דהילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, ביז צום יו"ט שבועות, ווען עס ענדיגן זיך די פערציג טאג.

ווי דער חשובער מנהל הרב ר' יואל שטערן שליט"א גיט איבער, לעבן די תלמידים אין די ימי הספירה אין א העכערע וועלט, נאכדעם וואס די גוטע קבלות פון סור מרע אדער עשה טוב וואס די טייערע תלמידים ארבעטן דערויף האט אריינגעבלאזן א רוח דקדושה און התעלות אין די גאנצע ת"ת.

צווישן די קבלות טובות איז פארהאנען אזעלכע געהויבענע קבלות ווי למשל, נישט אויסרעדן ביים גאנצן דאווענען מרישא ועד גמירא אום שבת קודש, זיין נזהר אין שמירת עינים ביים פארן מיטן באס, ווי אויך גאר טייערע קבלות טובות בין אדם לחבירו און כיבוד אב ואם.

יעדער תלמיד האט באקומען א קארטל ווי ער צייכנט זיך אליינס ארויין יעדן טאג פון די פערציג טעג וויאזוי דער טאג איז פאריבער. על כן בשכר זאת, האט דער מנהל שליט"א באשטימט, אז יעדער תלמיד וואס צייכנט זיך אויס צו פארבעסערן אין זיין ספעציפישע מדה, וועט באקומען צוגעטיילט א שיינע מתנה געוואנדן לויט די 'פוינטס' וואס מען האט באוויזן אריינצוברענגען.

סיום פרק לולב הגזול ביי תלמידי כיתה ו'

די תלמידים פון כתה ו' האבן געמאכט די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה, מיטן מסיים זיין בשטומ"צ לכבוד יום טוב שבועות גאנץ פרק לולב הגזול פון מסכת סוכה, וואס מען האט אדורכגעלערנט דורכאויס דאס יאר מיט א געוואלדיגע התמדה און יגיעת התורה.

עס איז דורכגעפירט געווארן א גרויסארטיגע חזרה אויפן גאנצן פרק, וואס האט אריינגעשלעפט אלע תלמידים אין א זעלטענע חשקות התורה כדי צו זיין גרייט אויפן גרויסארטיגן פארהער, זייענדיג דאס ערשטע מאל אין לעבן וואס מען איז מסיים א גאנצע פרק גמרא.

לכבוד דעם גרויסן געשעניש האבן די חשובע מלמדים געמאלדן פאר די תלמידים אז זיי וועלן ספעציעל איינלאדענען אלס פארהערער א חשובער רב אדער א תורה פערזענליכקייט וואס זאל קומען פארהערן אין די כיתה, וואס דאס האט זיי שטארק מזרז געווען זיך צו זיין גרייט אויפן פארהער מיטן קענען יעדעס שטיקל גמרא פונ'ם גרויסן פרק ישר והפוך.

די חשובע תורה פערזענליכקייטן האבן שטארק אנגעקוואלן ביים שטעלן ביים פארהער טיפע

קארטל פאר לשבר את הטבע במשך פערציג טעג ביז חג השבועות



די קבלה טובה וואס א יעדער תלמיד האט איבערגעגעבן פארן מנהל פריוואט

שיינער כתב פאר תלמידי כיתה ו' (סניף ר' יואל שטערן שליט"א) נאכן מסיים זיין גאנץ פרק לולב הגזול

קשיות און סך הכל׳ס אויף די שווערע סוגיות וואס די תלמידים האבן געענטפערט מיט א געוואלדיגע קלארקייט.

שפעטער, ווען די תלמידים האבן באקומען אן אויסצייכענונג אויפן קענען דעם פרק, האט דער חשובער בוחן זעלבסט צוגעשריבן א פאר ווערטער, אלס אויסדרוק פון אנערקענונג אויף די הארעוואניע פונעם תלמיד.

אצינד נאכדעם וואס די תלמידים האבן מסיים געווען פרק לולב הגזול, האבן די תלמידים אנגעהויבן אנגעהויבן דעם הערליכן לולב וערבה, וואס מען וועט ווייטער ממשיך זיין צו לערנען ביז אינמיטן די זומער וואכן אין קעמפ וואס דערנאך וועט מען אינאיינעם האבן קונה געווען בסך הכל 21 דפים גמרא כמנין והית א"ך שמח, וואס דאס וועט אריינברענגען אין די תלמידים די ריכטיגע שמחת התורה.

סיום ספר תהלים בײ תלמידי כיתה א׳

נאך די געוואלדיגע הצלחה אין לימוד עברי ביי תלמידי כיתה א׳ דורכאויס דעם פארלאפענעם ווינטער האבן די תלמידים די טעג זוכה געווען מסיים געווען גאנץ ספר תהלים, וואס איז די ערשטע סיום וואס זיי פראווען אין זייער לעבן בעזהשי"ת.

אין די וואכן פון חודש אדר זענען שוין די תלמידים בעז"ה געווען גענוג רייף אנצוהייבן זאגן תהילים קאפיטל נאך קאפיטל קלאר און פליסיג, מיטן ציל אויסצושארפן זייער עברי.

עס איז געפראוועט געווארן אין יעדע כיתה פאר זיך הערליכע סיום׳ס, מיט א שיינע סעודה, ווי די קינדער האבן זיך משמח געווען אויף א געהויבענעם פארנעם, וואס האט געגעבן פיל חשק פאר די קינדער צו שטייגן העכער.

הערליכע טעיפ פון ניגוני שב"ק וימים טובים

יעדן ערב שבת קומט פאר אין ת"ת געהויבענע מאמענטן ביי די תלמידים פון כיתות א׳ און ב׳ בשעת׳ן עסן פת שחרית, ווען דער חשוב׳ער מלמד הרב ר׳ יואל טייב שליט"א לערנט מיט די קינדער הערליכע ניגונים אויף שבת קודש וואס ווערט געזונגען אין אידישע שטובער ביים שבת׳דיגן טיש. דער ציל דערפון איז אריינצוברענגען אין די קינדער א ווארימקייט צום שבת, דורכן זינגען שבת׳דיגע ניגונים און לידער אויף אידיש.

די ניגונים ווערט געזונגען מיט זיי מערערע מאל ביז די קינדער כאפן דאס אויף און קענען דאס שוין אליינס זינגען מיט זייערע זיסע שטימעס, וואס דערנאך פארשאפן זיי פאר די חשובע עלטערן היפנס נחת ווען זיי זינגען דאס איבער אינדערהיים ביים שבת טיש מלא טעם וחן.

דער מלמד ר׳ יואל שליט"א האט אפגעכאפט דאס זינגען מיט די קינדער אויף א טעיפ וואס וועט פארטיילט פאר די קינדער, אז זיי זאלן עס קענען הערן אינדערהיים, און זיך אזוי בעסער איינ׳חזר׳ן די שיינע געזאנגען.

דאס יאר האט מען חוץ די ניגוני שבת אויך ארויסגעלייגט אויפן טעיפ אלע שיינע ניגונים וואס מען האט אויסגעלערנט אויף די יומי דפגרא ווי חנוכה און פורים און די ימים טובים.

הכרת הטוב פאר החזקת התורה

אלס הכרת הטוב פאר די תלמידי הת"ת נאכן אריינברענגען פאנטאסטישע סכומים פאר די ישיבה, במשך פונעם פארגאנגענעם פורים העעל"ט, האט די הנהלה ארגאנזירט שיינע אויספלוגן פאר אלע יארגענג, אויף אינטערעסאנטע פלעצער וואו מען קען זעהן נפלאות הבורא אדער רייד׳ס פאר יעדן אפטיילונג באזונדער.

די קינדער זענען געפארן פון בנין התלמוד תורה אינטער די אויפפאסונג פון די חשובע מלמדים וועלכע האבן אכטונג געגעבן אז די תלמידים זאלן אנהאלטן מיט די זעלבע איידלקייט און דרך ארץ

(פארזעצונג אויף זייט 33)

קונטרס הילולא דרבי לכבוד יומא דהילולא פון מרן בעל ברך משה זי"ע

תלמידים זענען מסיים בימי הפסח גאנץ משניות פסחים לכבוד ההילולא קדישא

משניות מסכת ביכורים אויף טייטש מיוחד לחג השבועות

די קונטרס מיט דברי תורה וחסידות וסיפורי צדיקים צום יו"ט שבועות

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

Central United Talmudical Academy

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה

אין די יעצטיגע וואכן ווערן פארענדיגט

דער לעצטער פליגל

פון דעם בנין התלמוד תורה אויף ווייט עוו.

וואו עס ווערן אויפגעבויעט א צאל פרישע קלאסן אויפ'ן ערשטן שטאק, ווי אויך עטליכע קלאסן פאר "חינוך מיוחד"

עס איז ווארשיינליך דער לעצטער געלעגנהייט אפצוקויפן פערמענאנטע זכותים אין דעם בנין התלמוד תורה צו מנציח זיין די נשמות פון עלטערן און קרובים לעד ולנצח

ווער עס וויל נאך ארייננכאפן די געלעגנהייט אפצוקויפן זכותים פון די געציילטע פארבליבענע כיתות,
זאלן זיך מעלדן
צו מו"ה **דוד הערש מערץ** הי"ו און ר' **לוי יצחק לעווי** הי"ו.
718-797-2888 #254

אזוי אויך שטייט אצינד צום פארקויפן **"זכות החלונות"**
ביי איינע פון די נייע קלאסן, זאל זיך מעלדן צו
העסקן ר' **נתנאל ברוין** הי"ו,
אדער צו העסקן ר' **שלמה דוב ווידער** הי"ו.
718-797-2888 #330

מיט דאנק
הנהלת המוסדות

(פארזעצונג פון זייט 14)

הדין און מען דאַרף געבן אַ דין וחשבון אויף אַלע מעשים, אָבער אין די צייט ווען מען איז פריש מקבל די תורה דעמאָלט באַצירט מען אלעס ארום מיט בלומען און מען פריידט זיך.

דער יום טוב שבועות איז דער יסוד פון אַ איד, און אין דעם יו"ט ווערט אַראָפּגעלייגט פאַר'ן קינד די צוגאַנג צו די תורה און אידישקייט. געניי ווי דער סדר נאַכט האָט אַ געוואלדיגע השפעה אויף אַ קינד אויף עניני אמונה, די זעלבע אַפּעקט האָט דער יו"ט שבועות אויף עניני תורה און אידישקייט. ווען אַ טאַטע רעדט צו זיין קינד איבער די חשיבות פון לערנען תורה בהתמדה; ווען אַ טאַטע שמועסט ביי די סעודות פון די געוואלדיגע זכי' וואָס מיר האָבן צו זיין דער עם הנבחר, אויסדערוועלט פון אַלע פעלקער; ווען אַ טאַטע לייגט אַריין אין די קינדער אַז אַלע השפעות אויף דער וועלט קומט בלויז דורך די תורה, האָט דאָס אַ ווייטגרייכנדע השפעה אויף אַ גאַנץ יאָר.

*

צום הייליגן חפץ חיים זצ"ל איז אַמאָל געקומען אַ איד אין באַגלייטונג פון זיינ'ס אַ שכן, דער שכן האָט גראָדע געהאַט אַ זון אין די ישיבה פונעם חפץ חיים אין ראַדין, אָבער דער פאָטער איז שוין געווען פאַרכאַפּט אין די משכילישע ווינטן וועלכע האָבן דעמאָלט שטאַרק געבלאָזן אינעם גאַנצן ראַיאָן. זיינע פאַרבליבענע קינדער אינדערהיים האָט ער שוין געשיקט לערנען אין פרייע שולעס, און זיי געגעבן אַ עטוואָס פרייען חינוך. דער אַסימילירטער איד האָט אַ צייט בעפאָר פאַרלוירן זיין פרנסה און האָט געליטן פון שטאַרקן נויט, דעריבער ווען ער האָט געמערקט אַז זיין שכן גרייט זיך צו אַ נסיעה קיין ראַדין צום חפץ חיים זצ"ל, האָט ער באַשלאָסן זיך מיטצוכאַפּן מיט אים און זיך אויך מזכיר זיין ביים חפץ חיים, און גלייכצייטיג שוין אויך באַזוכן זיין זון אין די ישיבה.

ווען די אידן זענען אריין צום חפץ חיים זצ"ל און פאָרגעלייגט זייערע בקשות, האָט דער חפץ חיים זיך נאָר באַצויגן צום ערליכן איד און בכלל זיך נישט געקימערט מיט זיין שכן וואָס האָט אים באַגלייט. נאָך עטליכע מינוט האָט זיך דער ערליכער איד אָנגערופן צום חפץ חיים אַז דער איד האָט נישט קיין ברויט אין שטוב און ער איז געקומען נאָך אַ ברכה אויף פרנסה בריווח. דער חפץ חיים האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקוקט אויפ'ן פרייען מאַן. "דער איד האָט אַ זון דאָ אין ישיבה" האָט דער איד דערקלערט, פרובירנדיג דערמיט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פונעם חפץ חיים צום אַנדערן איד.

ענדליך האָט זיך דער חפץ חיים אָנגערופן ווי צו זיך אַליין: "ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, האָט מיר מיין מוטער געשיקט אין חדר לערנען תורה".

און דער חפץ חיים פירט אויס: "יעדן טאָג וואָס איך בין געגאַנגען אין חדר האָט מיר מיין מאַמע מיטגעגעבן אַ קליין זעקל מיט קיכן; אַ טאָג וואָס איך בין נישט געגאַנגען אין חדר האָב איך נישט באַקומען קיין קיכלעך"...

דער משכיל'ישער איד האָט באַלד געכאַפּט דעם ווינק, אַז דער חפץ חיים האָט אים מרמז געווען, אַז אויב זיינע קינדער וועלן גיין אין אַן ערליכען חדר וועט ער באַקומען פון הימל קיכן, ער וועט האָבן אַ ברייטע השפעה, און ער האָט באַלד מיטב געווען זיינע מעשים.

די ווערטער פונעם חפץ חיים האָט געהאַט אַ השפעה אויף דעם איד, און עס איז אַ געדאַנק וואָס מיר דאַרפן מנחיל זיין פאַר די קינדער. יעדעס קינד פאַרשטייט און ערוואַרט אָנערקענונג פון זיינע עלטערן און מחנכים ווען ער פירט זיך אויף ווי עס דאַרף צו זיין; פון קינדווייז אָן דאַרף מען זיי מחנך זיין אַז דאָס זעלבע איז כלפי שמיא. פון הימל קומען אַלע השפעות ווען מען גייט בדרך התורה, און אויב ח"ו נישט דאַן איז פאַרקערט. מיר לעבן אין זמן ווען די גאַס גלאַנצט זייער שטאַרק, די איינציגע עצה וויאַזוי מיר קענען פאַרזיכערן אַז אונזערע קינדער זאָלן נישט חלילה זוכן קיין פרעמדע גליקן, איז אַז זיי וועלן באַקומען דעם חינוך פון גאָר יונג אַז די תורה איז זיס, אידישקייט איז געשמאַק און אַז מען גייט בדרך התורה איז דער רבוש"ע משפיע מאוצרו הטוב כל טוב וטוב.

צו די זעלבע צייט וואָס מען לייגט אַריין אין די קינדער יראת שמים און פחד פון אַן עבירה, מען לייגט אַריין אין זיי די קולות וברקים וואָס איז אָנגעגאַנגען בשעת מתן תורה, דאַרף מען אויך דערמאָנען די רויזן און שיינע בלומען וואָס האָבן געוואַקסן אויפ'ן באַרג סיני, מען דאַרף ברייט אויסשמועסן דעם אקדמות מיט פשוט טייטש און אריינברענגען אין די קינדער אַ חיות און סיפוק אין תורה ומצוות.

די זעלבע צייט וואָס מען לייגט אַריין אין די קינדער יראת שמים און פחד פון אַן עבירה, מען לייגט אַריין אין זיי די קולות וברקים וואָס איז אָנגעגאַנגען בשעת מתן תורה, דאַרף מען אויך דערמאָנען די רויזן און שיינע בלומען וואָס האָבן געוואַקסן אויפ'ן באַרג סיני, מען דאַרף ברייט אויסשמועסן דעם אקדמות מיט פשוט טייטש און אריינברענגען אין די קינדער אַ חיות און סיפוק אין תורה ומצוות.

הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מען דאַרף אַרויסברענגען אַז דער דרך התורה דאָס איז דער לכם, די תורה ברענגט השפעות טובות לכם ולכל צרכיכם. מען באַצירט די תורה מיט די שענסטע בלומען; מען עסט אַ סעודה און מען פריידט זיך אַז מען האָט באַקומען די תורה; מען שילדערט די אויסטערלישע געגועים וואָס כלל ישראל האָט געהאַט צו באַקומען די תורה הק'. אידן האָבן געזאָגט נעשה פאַר נשמע, זיי האָבן פון גאַרנישט געוואָלט וויסן, נאָר צו באַקומען די חמדה גנוזה די תורה הק' וואָס איז געווען באַהאַלטן תחת כסא הכבוד פאַר הונדערטער דורות, און מען נעמט אַריין טיעף אין זכרון דעם שכר הצפון לצדיקים בזה ובבא.

בדרך התורה נלך.

את הנפש אשר עשו

דברי זכרון והערכה אויף אונזערע חשובע מלמדים
שרידי דור הישן זכרונם לברכה

הרב הגאון החסיד
רבי מנשה ראזענבערגער
זכרונו לברכה

נלב"ע כ"ז סיון תשנ"א לפ"ק

בענקעדיגע געפילן און זכרונות פון הצעיר שבתלמידים: **הרב ש. ש. ט.**

עס איז שוין צוואנציג יאר אריבער זינט די פטירה פון דעם אומפארגעסליכן מלמד, הרב הגאון בנש"ק רבי מנשה ראזענבערגער זצ"ל.

קומענדיגן מיטוואך פרשת חוקת, כ"ז סיון הבעל"ט, וועלן זיך צענדליגער, אפשר גאר הונדערטער, אידן, פון יעדן עלטער, זקנים עם נערים, אוועקזעצן מיט א משניות, אנצינדן א לעכטל זאגענדיג "לעילוי נשמת מורי ורבי הרב מנשה בן הרב יקותיאל יהודה עליו השלום", און לערנען עטליכע פרקים משניות לטובת נשמתו בגנזי מרומים.

און דאן וועט מען זיך דערמאנען, די מחשבות וועלן צוריקלויפן מיט היבשע פאר יאר צוריק, די לעכטיגע צורה פון רבי מנשה וועט אויפקומען פאר די אויגן, און זיין רוחניות'דיגער בילד וועט שטיין פאר די אויגן, דאס הארץ וועט בענקען צו יענע צייטן, צו יענע זיסע יארן ווען מען איז געזעסן אין די ישיבה קטנה אדער אין חדר, אויף די הארטע באנק און געהערט א תוספות'ל פון רבי מנשה.

צוואנציג יאר איז שוין פארלאפן זינט יענעם כ"ז סיון תנש"א לפ"ק, ווען אינעם פרי מארגן איז דער ציבור צוטרייסעלט געווארן הערענדיג אז 'רבי מנשה' האט צוריקגעקערט זיין נשמה צום בורא עולם אינמיטן זיין נאכט שלאף.

רבי מנשה האט איבערגעלאזט די וועלט, ער האט איבערגעלאזט א משפחה מיט קינדער און אייניקלעך, ער האט אויך איבערגעלאזט הונדערטער תלמידים, הונדערטער אידן וואס האבן געהאט די זכי' במשך די נאנט צו 40 יאר צו זיין תלמידים פון ר' מנשה, און די האבן פארגאסן בענקענדיגע טרערן אחרי מיטתו, ווען אינערליכע געפילן וואס טוען אויפפרישן יענע צייטן ווען מען האט 'געלערנט ביי ר' מנשה' ווערן אויפגעוועקט פונדאסניי.

ווען מען הייבט אן צו טראכטן און זיך דערמאנען פון רבי מנשה, פון "רבי מנשה אין חדר" ווערט מען ווי באגאסן מיט בענקענדיגע געפילן, אוי איז דאס זיס געווען! צו הערן ווי רבי מנשה מיט זיין לייבן שטימע לערנט פאר א תוספות, ווי לענגער און גרעסער דער תוספות איז געווען, איז דאס געווען געשמאקער, זיינע משלים, זיינע הסברים, זיין טעם זקנים, און חכמה יתירה, דאס האט ווי געפאנגען די תלמידים וואס האבן אים שטארק ליב געהאט.

זיין טאטע הגאון בעל תורת יקותיאל זצ"ל מדיעדעש

טאנצנדיג מיט זיינע באליבטע תלמידים אום פורים ביי אים אין שטוב

רבי מנשה אלס יונגערמאן

די זכרונות פירן מיט יארן צוריק, עס זענען נאך דא וואס געדענקען יענע יארן ווען רבי מנשה איז געווען דער מייסד פון די סאטמארע ישיבה על אדמת אמעריקע... דער ערשטער בחור אין די ישיבה, בשנת תש"י, קוים 5 בחורים האבן געלערנט אין די סאטמארע ישיבה אינעם קליינעם בית המדרש הונטער דעם רבי'נס שטוב אויף 500 בעדפארד עוו. דארט איז רבי מנשה געווען דער ארי שבחבורה.

דער רבי זי"ע האט אין יענע יארן פארגעלערנט 'סוגיא' פאר די בחורים, ר' מנשה איז דאן געווען דער בחור צו וועמען דער רבי האט גערעדט, ער איז געווען וואס האט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט, און ער מיט זיין שטארקע בקיאות און הבנה בכל מכמני תורה האט זיך געטרויעט זיך מפלפל זיין מיטן רבי'ן, טאג טעגליך פלעגט זיך איבערשפילן דאס בילד ווי דער רבי זאגט א חידוש און רבי מנשה טרויט זיך אריינצופרעגן, דער רבי ווערט אפטמאל צוקאכט און צופלאמט און מיט א ריתחא דאורייתא צושרייט ער זיך, ר' מנשה ענטפערט נישט, מיט א אימה ויראה זעצט ער זיך אראפ און האלט אפן די אויערן צו הערן די דברות קודש וואס דער רבי זאגט ווייטער.

אין ספר "מבצר תורה ויראה" ווערט דערציילט:

"אויך די שארפע בחורים פלעגן נעמען א טייל אין די פלפולי דאורייתא, הרה"ג ר' מנשה ראזענבערגער ז"ל וועלכער האט געהאט א גוטע תפיסה פלעגט זיך אפט ארומ'טענה'ן מיטן רבי'ן אין די סוגיא, און עס פלעגט אפט צוקומען צו העפטיגע וויכוחים".

"עס געדענקען די תלמידים ווען אמאל האט דער רבי נאכגעזאגט אינמיטן די סוגיא א "ש"ך", און ר' מנשה האט זיך מפלפל געווען מיטן רבי'ן איבערן פשט אין ש"ך, דער רבי האט אים אויפן ארט אפגעווארפן אויף א שארפן אופן זייענדיג פארקאכט בריתחא דאורייתא. מיט א טאג שפעטער ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום פארלערנען האט ער זיך אנגערופן "כ'האב מיך מתבונן געווען אינעם פשט, איך זע אז כ'האב געהאט א טעות און מנשה איז טאקע גערעכט", און דער רבי האט אים מפייס געווען".

רבי מנשה אין זיינע יארן אלס מרביץ תורה, האט מעמיד געווען אסאך תלמידים, גאר אסאך אידן, האבן אים היינט צו פארדאנקען זייער יסוד, וויפיל כוחות ער האט אריינגעלייגט אין א תלמיד וואס ער האט געזען אז ער הינקעט אונטער, וויפיל האט ער געארבעט, אפילו אויף די עלטערע יארן האט ער נישט אויפגעגעבן אויף קיין איין תלמיד, און ער האט באמת געהאלטן אז יעדער תלמיד קען זיין א מצויין, און ער האט דאס גלייך ערווארטעט פון יעדן.

עס איז אומבאשרייבליך זיין שמחה וואס ער האט געהאט ווען ער האט אריינגעלייגט הארעוואניע אין א תלמיד וואס איז נישט געווען דער בעסטער בעל כשרון און נאך די שווערע עבודה האט דער תלמיד געקענט דעם שיעור ישר והפוך, דאס איז ביי אים געווען די גרעסטע שמחה, ער האט נישט געקארגט קיין קאמפלימענטן אויפן חשבון פון דעם תלמיד, און ער האט אים גערימט און אויפגעהויבן כדי ער זאל בלייבן מיט חשק און מוט צו קענען דעם שיעור יעדע וואך.

מיר וועלן זיך קאנצעטרירן אויף עטליכע אייגענע הרגשים און זכרונות, וואס קומען אויף אויפן געדאנק דערמאנענדיג זיך איבער ר' מנשה, זכרונות פון בלויז איין איינצעלנעם יאר, פון זיינע צענדליגער יארן אין הרבצת התורה, והפרט יעיד על הכלל.

מען דערמאנט זיך...

דארט אויפן דריטן שטאק אין טרופ עוו. אין נומ. 306 איז געווען דער חדר פון רבי מנשה, דארט האבן מיר געלערנט פרק המפקיד אין בבא מציעא. נאך היינט צוטאגס ווען מ'כאפט א בליק אין פרק המפקיד שווימט אויף רבי מנשה פאר די אויגן, זיינע סברות, זיינע משלים, זיינע ביאורים, ווי לעבעדיג, ווי זיס איז דאס געווען, ווי באטעמ'ט איז דאס געווען, ווען מישענדיג דעם לעפעלע האניג אין די טיי ערקלערט ער דעם חילוק פון די צוויי ווענן אין רש"י...

עס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן יענע וואך ווען מען האט געהאלטן ביים תוס' ד"ה "זיל שלים ליה נרגא מעלי'" אין המפקיד, און נאך אסאך פלאג און יגיעה האט רבי מנשה געזען אז א גרעסערע צאל קינדער האבן קלאר ארויס דעם תוס', מער ווי געווענליך, ער האט דאן אויפגעלויכטן פאר שמחה, און גלייך געלאזט רופן דעם מנהל אז ער דארף שוין פארהערן דעם תוספות, ווען דערביי רעכענט ער מערערע מאל אויס די נעמען פון די תלמידים וואס האבן די וואך זיך צוגעפלייסט און געקענט, פאר וועלכן מלמד ער האט נאר געשפירט אז עס וועט אויסמאכן האט ער דאס דערציילט. ווען זיין גאנצע כונה איז נאר אז די קינדער זאלן דערפון האבן חיזוק און מוט נישט נאכצולאזן און ווייטער זיך מתאמץ זיין צו שטייגן און זיך צופלייסן ביים לערנען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה לערנט פאר מוסר, אין אונזער צייט האט ער פארגעלערנט אורחות צדיקים, אבער פיל מער ווי ער האט פארגעלערנט פון אינעווייניג האט ער פארגעלערנט פון אויסנווייניג.

ווען רבי מנשה האט גערעדט צו די קינדער מוסר האט ער דאן זיי געהאט געפאנגען, זיינע ווערטער האבן געקענט פאראליזירן די קינדער און זיי צושמידן צו די ערטער און מיט א ציטער אויסהערן זיינע רייד, ער האט געהאט א געוואלדיגן כח אין אראפמאלן און ממחיש זיין פאר די קינדער ווי אזוי עס קוקט אויס 'יענע וועלט', ווי אזוי עס גייט צו א דין וחשבון, ווי אזוי עס גייט צו א פסק ביים בי"ד של מעלה, אז א טאג נאכדעם וואס רבי מנשה האט אזא דרשה געזאגט האט א קינד נישט פרובירט צו טון עפעס נישט ריכטיג מאימת הדין.

אלע עונשים פון חיבוט הקבר, כף הקלע, פלעגט ער אראפמאלן, אזוי אז די קינדער האבן אנגעהויבן צו טראכטן פון יענע וועלט מיט אן ערנסטקייט, און גלייבן באמונה שלימה אז יש דין למעלה.

עס קען נישט פארגעסן ווערן און עס גייט נישט ארויס פון זכרון דאס בילד, ווי ר' מנשה לייגט זיך צוזאמען ביידע הענט אויף זיין ברוינעם קאלירן רבי'שן וועסטל, און הייבט אן צו שילדערן דעם בית דין של מעלה.

'די נשמה קומט ארויף אויפן עולם העליון, עס שטייט אין די רייע, מען ווארט אויפן דין, ענדליך עס קומט אן זיין רייע, דער דיין פרעגט אים וועלכע גמרא האסטו געלערנט? מען ענטפערט מיט א פחד 'פרק המפקיד', 'ברענגט אהער די גמרא בבא מציעא אין וואס דו האסט געלערנט', מען גייט ברענגען די גמרא, ער זעט זיין אייגענע גמרא אין שאנק ביים בי"ד און ער נעמט דאס ארויס, אבער ער שפירט אז עס איז מורא'דיג שווער, עס פאלט אים ארויס פון די הענט אויף די ערד, צוויי מלאכי חבלה שטייען אין ביי די זייט און שמייסן אריין מיט פולסי דנורא, 'הייב אויף דיין גמרא!'

ער הייבט דאס אויף און שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות, יעדעס מאל וואס דאס פאלט אראפ מוטשעט ער זיך דאס אויפצוהייבן און ער כאפט אריין מכות רצח פון די מלאכים, קיינער פארשטייט נישט ווי קומט דאס אז זיין קליינע גמרא'לע פון מס' בבא מציעא זאל זיין אזוי שווער אז מען זאל נישט קענען דאס טראגן פארן בי"ד.

אט קומט ער שוין אן ביים בי"ד, דער דיין מאכט אויף די גמרא און הייבט אן פארצולערנען הויך אויפן קול "זאגט די הייליגע משנה המפקיד פירות אצל חברו ונגבו או שאבדו, האסט געהערט אז יאנקל האט געזאגט פאר ברוך..." וואס איז דאס?! פרעגט דער דיין, און דעמאלטס דערמאנט ער זיך אז אינמיטן לערנען די גמרא האט ער געשמועסט נארישקייטן, דברים בטלים, און ער האט דאן נישט געוואוסט אז יעדעס ווארט וואס ער האט געשמועסט ביים לערנען, גייט אריין אין די גמרא, און דאס מאכט אים אזא דיקע גמרא, וואס ער קען נישט טראגן, מען שמייסט אים אריין ביטערע שלעק פאר יעדעס ווארט וואס ער האט גערעדט ביים לערנען'.

"ווער זוכט זיך אזעלכע צרות ביים בי"ד של מעלה?".

די קינדער פלעגן ציטערדיגערהייט אויסהערן די שטיקלעך מוסר, און לאנג לאנג האט דאס געקלונגען אין די אויערן אנווארפענדיג א פחד און נישט געלאזט שמועסן ביים לערנען.

סוף יאר, חודש אלול האט ר' מנשה אנגעהויבן צו האמערן מיטן אימת הדין. דער פחד פון יום הדין האט זיך געשפירט אין די לופט פון חדר, מיט א ציטער פלעגט ער שילדערן דעם "אם יאדימו כתולע כצמר יהיו", ווי דער פאדעם וואס איז רויט פון עבירות טוישט זיך יום כיפור אויב מען טוט תשובה ווי עס דארף צו זיין, די קינדער האבן דאן אזוי געווארט און געהאפט אז זייער פאדעם זאל ווייס ווערן.

וואס מיינט איר, ר' מנשה האט אסאך געשלאגן? כמעט נישט, א קינד האט געטון אן עולה איז געווענליך געווען דער קנס "שרייב שער החרטה", און ווען די קינדער זענען געגאנגען שפילן ביי מיטאג האט דער געדארפט זיצן אין חדר און אפשרייבן שער החרטה פון אורחות

טאנצנדיג מיט זיינע באליבטע תלמידים אום פורים ביי אים אין שטוב

כל ימי גדלתי בין החכמים - ר' מנשה אין די ישיבה פון זיין טאטע הגאון בעל תורת יקותיאל מדיערעש אלס קליין קינד (רעכטס מיטן ביבער הוט)

רבי מנשה ווערט געזען צווישן די גרויסע תלמידים זיצנדיג רעכטס

פירנדיג צו די חופה זיין איידעם הרב ר' יואל הערש ראטענבערג מסאלקא-ומו"ץ שליט"א

צדיקים, וואס דאס איז געווען א טאפעלטער קנס, און די מוסר ווערטער פונעם אורחות צדיקים האבן געהאט א באזונדערע השפעה.

ווען איינער האט נישט געקענט ביים פארהער, האט ער נישט גדארפט כאפן קיין פעטש, דער אויפגעברוויזטער פנים פונעם רבי'ן איז געווען מער ווי אלע פעטש, צייגענדיג מיטן דראענדיגן פינגער האט דאס אויפן קינד געווירקט מער ווי פעטש.

נאך א פארהער ווען מען האט פיין געקענט, האבן די קינדער באקומען די בעסטע מתנה, דער רבי שמייכעלט, ער גייט צו צום שאנק ער נעמט ארויס א ילקוט סיפורים, אדער ילקוט מעם לועז, מען גייט דערציילן מדרשים אויף די פרשה, בעסער פון דעם האט קיינער נישט געדארפט, די בעסטע מתנה וואס ער האט געקענט געבן פאר די קינדער איז דאס געווען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה דערציילט פונעם טאטן זכרונו לברכה, ער לייגט אראפ די התמדה און גאונות פונעם גרויסן טאטן הגה"ק בעל תורת יקותיאל זצ"ל מדיערעש, ער דערציילט עפיזאדן פון זיין התמדה בתורה וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט, און מיט וואס ער איז אויפגעוואקסן אלס קינד און אין זיינע ימי הבחרות, וואס די קינדער הערן מיט אינטערעסע און יעדעס ווארט וואס זיי הערן פון א זון פון דעם וועלטס גאון קריצט זיך איין על לוח לבם.

דא דערציילט ער איבער די מלחמה יארן, זיינע איבערלעבענישן און זיינע מיטמאכענישן, די ביטערע צרות ותלאות ברענגען ארויף טרערן אין די תמימות'דיגע אויגן פון די יונגע צוהערער וואס ווייטאגן צו הערן וואס דער גוטער רבי האט מיטגעמאכט אין לאגער.

מען דערמאנט זיך...

א 'פסק' פון רבי מנשה, ווען עס איז א קינד געקומען א 'פסק' איז דאס אלעמאל געווען מיני' ובי', עס האבן די תלמידים שוין געוואוסט צו ערווארטן אז ווען דער רבי פרעגט איבער אינמיטן פארלערנען איינעם וואס האט נישט אויסגעהערט, גייט יעצט קומען א נייע פשט אין די גמרא... יעדעס מאל האט ער אויפן ארט געטראפן א פשט צו זאגן אין די גמרא וואס האט אריינגעשניטן אינעם תלמיד וואס האט נישט אויסגעהערט און אים אויפגעשאקעלט צו התמדת התורה.

עס דערמאנט זיך ווי אינמיטן המפקיד דף ל"ח ע"א, זאגט דארט די גמרא 'שאני הני כיון דקם קם', דארט האט דער רבי געפאקט א יונגל וואס האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, אויף די מינוט האט ער אנגעהויבן מיט זיין טרויעריגן ניגון "כיון דקם קם, א מענטש איז א הולך מען גייט ווייטער און ווייטער, מען האלט אין איין שטייגן, אבער כיון דקם, אויב שטעלט מען זיך

◄◄

הרב החסיד **רבי מנשה ראזענבערגער** זכרונו לברכה

אפ, קם, בלייבט מען שטיין, מען גייט נישט ווייטער, אדרבא מען הייבט אן צוריקצופאלן"...

אדער ביים פארלערנען חומש רש"י פר' שמות, ווי רש"י טייטשט נאקתם, זעקתם, כמו מעיר מתים ינאקו, וואס 'מתים' זאגט מען דארט מיט א 'שוא' וואס טייטשט מענטשן, האט פאסירט א א יונגל האט איבערגעזאגט מתים מיט א צירי וואס טייטשט 'טויטע', תיכף האט זיך געהערט דעם טרויעריגן ניגון "יא יא, די טויטע שרייען, די טאטעס און זיידעס וואס לעבן שוין נישט זיי שרייען און וויינען אז מען הערט נישט אוים וואס דער רבי לערנט פאר"...

די שארפע 'פסקים' דאס זענען געווען זיס, מלא חן ומלא טעם, טראצדעם וואס די קינדער האבן מורא געהאט פון א שארפן 'פסק' האט מען דאס אבער אראפגעשלונגען און זיך דאס איינגעחזר'ט צום געדענקען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה גייט צו צום עמוד אין תלמוד תורה, זיינע ברכות וואס ער האט טעגליך געזאגט פארן עמוד מיט אזא נעימות מיט א ספעציעלן נוסח, קלונגט נאך ביי אלעמען אין די אויערן, ווער רעדט נאך ווען ער פלעגט צוגיין צום עמוד ראש חודש צו הלל, זיין פנים איז געווען רויט ווי פייער, און מיט א שאגת ארי האט ער געשריגן דעם "לא המתים יהללו קה" וואס קיינער קען דאס נישט פארגעסן.

ווער רעדט נאך פון קעמפ, ווי ער איז געווען ווי דער רבי פונעם קעמפ, אינאיינעם מיט אראדער רב זצ"ל ויבדלחט"א דער מעליצער רבי שליט"א, זיינע הארציגע תפילות קען מען נישט פארגעסן, תשעה באב איז ער געווען דער מקונן, זיין הארציגן נוסח אויפן "בצאתי ממצרים, בצאתי מירושלים" האט אפילו ביי די קינדער ארויסגערופן טרערן, ער זעלבסט האט געגאסן מיט הייסע טרערן במשך די גאנצע קינות, וואס האט די קינדער שטארק באאיינדרוקט און איבערגעלאזט א רושם.

סליחות, ער פלעגט צוגיין צום עמוד, דער "ק-ל מלך יושב" האט אפגעדינערט איבער'ן בית המדרש, עס האט געווארפן אן אימה דער "מחל לנו מלכינו כי רבו עווננו" האט געריסן די הערצער, מיט אזא השתפכות הנפש אז עס לאזט זיך גארנישט זאגן.

מען דערמאנט זיך...

דאס געפונען זיך במחיצתו פון רבי מנשה, אפילו אויף די יונגע תלמידים האט דאס געמאכט א רושם, שטענדיג אויפגעלייגט מיט א שמייכל, יעדעס ווארט זיינע איז געווען מלא טעם וחן, טראצדעם וואס ער איז געווען א איד שוין אין די זעכציגער, און מיטגעמאכט פארשידענע יסורים ומכאובים ל"ע, האט ער געהאט א געוואלדיגע חיות, ער האט געלעבט מיט די קינדער, ער האט פארשטאנען צו קינדערישע שטיקלעך, צו שטיפעריי און ער האט גוט געוואוסט אין פארשטאנען ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די קינדער אויף זייער שטייגער.

זיינע סיפורי צדיקים, די חידושי תורה, אלעס האט געהאט א טעם זקנים, און האט די קינדער געברענגט צו טראכטן אז עס איז געווען א אמאל, אז עס איז געווען צדיקי אמת, און ער האט אריינגעגעבן יראת שמים במלא חפניים, אין די יונגע הערצעלעך פון די תשב"ר.

שוין צוואנציג יאר פאריבער פון די פטירה ווען רבי מנשה האט זיך פון אונז געזעגענט, אבער די תלמידים פארגעסן נישט א געטרייען רבי'ן, הדרן עלך רבי מנשה ודעתן עלך, לא נתנשי מנך לא בעלמא דאתי, אפילו דער רבי איז שוין נישטא אבער די אהבה עזה וואס איז ביי אלע תלמידים געליבן איינגעבאקן אין הארץ דאס וועפט נישט אוים, דאס בלייבט איינגעקריצט, און מען געדענקט דאס.

עס איז זיכער אז אלע תלמידים וואס האבן זוכה געווען צו טרינקען ממעיינו הטהור, צו הערן זיינע שיעורים, זיינע מוסר רייד, לערנען זיינע מידות טובות, שעפן יראת שמים פון זיין געהויבענע התנהגות, וועלן לערנען משניות און צינדן א לעכטל לטובת די נשמה, און בעטן אז ער זאל זיין פאר אונז א ריכטיגער מליץ יושר און בעטער, אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס מיר ברויכן אזוי וויכטיג, ובעיקר מיט די גאולה קרובה בב"א.

איטעם קומענדיגן אויסגאבע וועט באשריבן ווערן דברי זכרון והערכה אויפן אומפארגעסליכן טייערן מלמד

הרב החסיד המפורסם

רבי פינחס בערקאוויטש ד"ל

נלב"ע י"ח תמוז תשכ"ז לפ"ק

די עלטערע תלמידים וועלכע קענען מיטטיילן זייערע זכרונות, אדער ווערטפולע דאקומענטן און בילדער, להטות את הציבור

זאלן ביטע רופן אויפן נומער: 347-693-4396

ישר כח

דער רבי וואס האט געטוישט מיין לעבן...

מיר באגעגענען א חשוב'ן תלמיד חכם ומרביץ תורה שליט"א וואס האט געלערנט ביי רבי מנשה ע"ה, און מיר פרעגן איהם צו ער האט עפעס זכרונות פון יענע יארן ווען ער האט געלערנט ביי דעם רבי'ן.

ער ווערט אזוי באריידט "מיין רבי, רבי מנשה זכרונו לברכה... ער האט געטוישט מיין לעבן"...

און דא געבן מיר איבער דאס ווארט פאר זיין רירענדע געשיכטע:

"ווען איך בין אריינגעקומען אין כיתה ח' בין איך געווען פאררעכנט אלס איינער פון די איינע פון די שוואכע אינגלעך פון חדר, איך האב אלס געהאט א גוטן "צווייטן חבר" וואס זאל מיט מיר איבער לערנען דעם שיעור סוף וואך".

יענעם יאר האב איך זוכה געווען, אז פון איין טאג אויפן צווייטן בין איך נשתנה געווארן, איך האב אנגעהויבן צו לערנען מיט חשק, און עס האלט ב"ה אן עד היום הזה.

איך בין שולדיג דעם הכרת הטוב פאר מיין רבי'ן רבי מנשה...

געווען איז דאס אין א שיינעם טאג, א דאנערשטאג ווען כ'האב נישט געקענט די גמרא אין פר' המפקיד האט ער מיך אריינגענומען אין א עקסטערע צימער אין די תלמוד תורה.

באמת, איך בין געווען געריכט אז איך גיי יעצט כאפן גוטע שלעק, אבער ניין, ער האט זיך גענומען רעדן אויף מיין הארץ, איך געדענק ווי היינט ווי מיט טרערן אין די אויגן האט ער מיר געזאגט "וואס וועט זיין דער תכלית? ווען וועסטו זיך נעמען לערנען, קוק אן אפילו ... קען שוין בעסער ווי דיר, און דו האסט סאך א בעסערע קאפ פין אים, דו קענסט דאך מאכן אזויפיל נחת רוח פאר דיינע עלטערן וכו'"...

דער שמועס וואס איז געווען א שטיק הארץ האט מיך אינגאנצן צונומען, נאכדערצו זיינע טרערן מיט וואס ער האט גערעדט צו מיר, און די קומענדיגע וואך האב איך שוין גוט געקענט, אין ביזן סוף יאר האב איך שוין זיך פארהערט אלע פיר פרקים המפקיד, השואל, השוכר את הפועלים, השוכר את האומנין וואס מיר האבן ביי אים געלערנט.

דאס איז נאכנישט אלעס... דער עיקר חיזוק האב איך באקימען פין אים א יאר דערויף...

מיר האבן שוין געלערנט אין כתה ט', און איך האב זיך פארהערט אויף א גרויסע סכום גמרא, איינער האט דאס דערציילט פאר רבי מנשה ז"ל.

האט ער מיך גלאזט רופן צו זיין חדר, און מיך געהייסן זיצן אויף זיין בענקל, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו זיינע תלמידים וואס האבן דעמאלטס געלערנט ביי אים "קינדער, קוקט'ס אים אן, ער איז מיין אלטער תלמיד, ער איז אריינגעקומען אנהייב יאר ער האט גארנישט געקענט, ער האט זיך גענימען צו לערנען אין ער פארהערט זיך שוין היינט מסכתות שלימות ער גייט אויפוואקסן א גאון בישראל".

און ער האט מיך דערלאנגט א קוש אין שטערן בפני כל העדה.

איך בין ארויס פין דארט אינגאנצן איבערגענומען פון געפילן פון וואס איך האב יעצט מיטגעלעבט.

פלוצלונג האט זיך גענומען פליסן טרערן פון מיינע אויגן מיט התרגשות אן אויפהער, איך האב געוויינט פאר א האלבע שעה אין האלל, ביז הרה"ח ר' יצחק אייזיק וויזעל שליט"א א מלמד אין כיתה ט' האט מיך געטראפן וויינען, און געפרעגט וואס גייט פאר... איך האב אים נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

אבער, מאז ועד היום הזה האב איך אנגעהויבן צו לערנען, און איך האב דערוייל נישט אויפגעהערט, שוין 15 יאר זייט מיין חתונה און עס איז תורתי אומנתי בסייעתא דשמי, און אין די לעצטע יארן האב איך די זכי' צו מרביץ תורה זיין פאר אנדערע, אלעם בכוחו ובזכותו פון מורי ורבי הרה"ג ר' מנשה ב"ר יקותיאל יודא ז"ל.

ר' מנשה איז מרביץ תורה מיט זיינע תלמידים הקרוים בנים

תורה שלמדתי באף - רבי מנשה אלס בחור (רעכטס מיטן ביבער הוט) איז מרביץ תורה אין די די. פי. לאגערן

(פארזעצונג פון זייט 24)

ווי א גאנץ יאר און גורם זיין א קידוש השם.

די קינדער האבן גוט פארברענגט אינאיינעם אנשעפנדיג זיך מיט חיות און פרישקייט, דורך זיך אביסל אויסלופטערן אויף די פרייע לופט, וואס דאס האט געגעבן פאר די קינדער פרישע כוחות אנצוגיין ווייטער צו שטייגן אין תורה ויר"ש בין כותלי המוסדות.

געלונגענער אסיפת הורים ומלמדים

זונטאג פרשת נשא אין די אווענט שעות איז אפגעהאלטן געווארן אין בנין הת"ת די צווייטע אסיפת הורים ומלמדים פונעם יאר, וואס געט די מעגליכקייט פאר די חשובע עלטערן שיחי' זיך פריוואט אויסצושמועסן מיט זיין קינד'ס מלמד איבער זיין הצלחה אין חדר.

די אסיפה איז ספעציעל צוגעשטעלט געווארן דורך די הנהלת המוסדות כדי די עלטערן זאלן פארשטערקערן זיין קשר מיטן מלמד און הערן א קלארן באריכט מפה לאוזן פונ'ם מלמד פריוואט אלע וויכטיגע ענינים וואס עס דארף אויסגעשמועסט ווערן פאר די תכלית און די עתיד פון די קינדער.

כדי נישט אויפצוהאלטן אומזיסט די חשובע עלטערן מיטן דארפן לאנג ווארטן אריינצוגיין צום מלמד, איז אזוי ווי די לעצטע אסיפת הורים איינגעטיילט געווארן פאר יעדע טאטע 5 מינוט וואס איז איינגעמאלדן געווארן פון פאראויס, וואס דאס האט אסאך צוגעהאלפן צו די הרחבת הדעת פון די עלטערן און די מלמדים.

(פארזעצונג פון זייט 12)

הרגשים פון הכרת הטוב פון א טאטע

לכבוד הנהלת המוסדות

שטייענדיג פארן יום טוב שבועות דער זמן פון קבלת התורה, וויל איך אויסדריקן מיין הכרת הטוב פאר די מוסדות הק' איבער דעם נאבעלן סיסטעם ביי אלע אפטיילונגען אין די מוסדות וויאזוי צו דערהייבן די קינדער צו התמדת התורה, מדות טובות ויראת שמים.

עס איז ממש צום שטוינען וויאזוי יעדע אפטיילונג באזונדער האט זיך זיינע מהלכים און אופנים ווי אזוי אריינצוברענגען אין די קינדער א זיסקייט אין די הייליגע תורה, דורך די פילע אקטיוועטעטן און מיטלען מיט וואס זיי ווערן אויטאמאטיש איינגעוואוינט פון קליינווייז אן צו שפירן א מתיקות אין די תורה הק' וואס כל חפציך לא ישוו בה.

און דאס זעלבע זעט זיך בסדר אן די עבודת הקודש וואס מען לייגט שטענדיג אריין אין די קינדער זיי מרגיל צו זיין אין מדות טובות, אהבת חברים, יראת השם און ערליכקייט, מיטן דורכפירן יעדע שטיק צייט פארשידענע לעבעדיגע אקטיוועטעטן אויף עבודת המדות וואס זיי פארצייכענען זיך אליינס אריין אין די קארטלעך וואס ווערט פארטיילט. דערמיט שפירט זיך דאס קינד אלס א אייגענער בעל אחריות און רואה חשבון אויף זיין התעלות.

די גורלות און מתנות מיט וואס מען טוט באלוינען די תלמידים געט טאקע דעם ריכטיגן שטופ און רייץ צווישן זיי ווייטער אנצוהאלטן מיט זייער גוטע התנהגות אין אלע געביטן. באמת פסק'נט טאקע אזוי דער רמב"ם אין הל' תלמוד תורה, אז מען זאל אנהייבן מחנך צו זיין קינדער דורך מתנות וכו' ביז צוביסלעך וועלן זיי אליינס שפירן די זיסקייט פון תורה ומצות.

שטייענדיג פארן חג הביכורים איז פאסיג ממליץ צו זיין א טייטש פון ייטב לב (פ' ויקרא) אויפן פסוק "כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה', קרבן ראשית תקטירו וגו'", אז ביים ראשית פון די יארן ביים מחנך זיין די קינדער צו אהבת התורה וקיום המצות איז דאן באוויליגט פאר השי"ת צו ניצן זיסע אופנים און מיטלען כדי אים צו געבן א זיסן טעם אין קיום המצות ומתוך שלא לשמה בה לשמה. דאס איז טאקע מרומז אין די מצוה פון ביכורים וואס ווערט אנגערופן ראשית וואס באשטייט פון זיסע פירות.

וויל איך זיך נאר באדאנקען פאר אונזערע געטרייע שלוחים, תחזקנה ידיכם בעבודת הקודש.

ידידכם ש.א.ל.

קמו בניה ויאשרוה:

אויסטערלישער סוקסעס ביים "סקול שליסונג פארטי" להחזקת מוסדותינו הק'

ארגאניזירט דורך די בארימטע "לעידיס אקזולערי" שע"י מוסדותינו הק' - רייכער אווענט באגייסטערט אלע באטייליגטע – ווערדפולע גורלות אויסגעראפלט געווארן – אינהאלטסרייכע דרשות האבן געהאלטן געשפאנט אלע פארזאמלטע – באטייליגט דורך הרבנית הצדיקת מ'סאטמאר תליט"א

אויספירליכער באריכט אין קומענדיגן נומער

בס"ד

הזוכה בגורל

ידידינו הנכבד

מוה"ר **יוסף יעקב** (במוה"ר אלי' שלמה) **קאהן** הי"ו

איז דער זוכה בגורל אויף א אויסגעצאָלט קינד אין קעמפ

וואָס איז אויסגעראַפעלט געוואָרן פאר אַלע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם היי-יעריגן תשלומי כלי קודש קאַמפיין פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט

הודאה על העבר

גלייכצייטיג שפירן מיר פאר א פליכט זיך צו באַדאַנקן פאר אַלע אנ"ש וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קאַמפיין, און האָבן זיך משתתף געווען מיט באַשטימטע סכומים, דורך וועלכע די הנהלת המוסדות האָט ב"ה געהאַט די מעגליכקייט אָנצוהאַלטן מיטן צאָלן צייטליך פאר די כלי קודש.

ישלם ה' פעלם ותהא משכורתם שלימה מעם ה' אלקי ישראל

השלם זה הבנין...

נאר מיט די ווייטערדיגע שטיצע פון אנ"ש וועלן
מיר אי"ה קענען גענצליך פארענדיגן דעם בנין

די גאנצע בנין איז ארומגענומען מיט סקעפאלס ווארטנדיג אויפן מאמענט וואס מען וועט אנהייבן דאס איבערבויען די בנין פונדרויסן

אנגעהויבן מאסיווע בוי ארבעט אויפן ערשטן שטאק צוצוגרייטן פרישע כיתות

בוי ארבעט אויפן נייע שפיל פלאץ גייט אן מיט פולן טעמפא

די פלאץ פון די סווימינג פולס וועט ערזעצט ווערן מיטן אויפבוי פונעם רחבות'דיגן קיך פאר די מנוחה ושמחה זאלן

אין הקב"ה מונה הדפים
אלא השעות

לתועלת הציבור זענען די

מארגעדזש זכותים

ספעציעל אייגעבעטילט געווארן

לויט די שעות וואס די תלמידים לערנען איבערן חודש

זכות חדר לחודש	זכות חדר לחודש	זכות חדר לחודש	זכות חדר לחודש	זכות חדר לחודש
8,400 שעות	5,400 שעות	4,200 שעות	3,600 שעות	2,400 שעות
$300	$150	$100	$53	$40
$3,600	$1,800	$1,200	$636	$480

לאמיר דיך איינהאנדלען

טויזנטער שעה'ן פון תורה ויראה

אויף אונזער קאנטע!

מו"ה **יצחק חיים פריינד** הי"ו
(845) 288-9573

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרב"י
מסאטמאר - וויליאמסבורג

Central UTA / Main Office
76 Rutledge St.
Brooklyn NY 11211